Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

Najer Folksblat פּרייז 30 גראָשען

הײַנט 16 זײַטן

נייער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייִשע פּאָליטיש - געזעלשאַפטליכע טאָג - צייטונג

Nr. 163 (855) | Łódź, Piątek 16 Lipca 1926 | פֿירטער יאָהרגאַנג | לאָדז, פֿרײַטאָג ה אב תרפ״ו, | Nr. 163 (855)

24·71 אַדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24·71 || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel 24 71

יודישע קאָלאָ שטימט פֿאַר די פֿולמאַכטען.

וואַרשאָ, 15 (טעלעפאָניש פֿון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט אַ גאַנצען טאָג, פֿאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג זענען פֿאָרגעקומען די דעבאַטען פֿונ'ם יודישען קאָלאָ. הם דאָס פּרעזידיום פֿון יודישען קאָלאָ האָט נישט אַרויסגעלאָזט קיין שום קאָמוניקאַט איז דאָך בעוואוסט געוואָרען, אַז דאָס יודישע קאָלאָ האָט בעשלאָסען צו שטימען פֿאַר ערטיילען פֿאָלמאַכטען דער רעגירונג.

הייננט נאָכמיטאָג האָבען כמעט אַלע סיים-קלובען אָפּגעהאַלטען בעראַטונגען. ס'איז נאָך נישט בעקאַנט געמאַכט וואָס פֿאַר אַ שטעלונג זיי האָבען אָנגענומען. אָבער מ'ווייס שוין, אַז די כיענא, הגם זי וועט טיילווייז שטימען געגען פֿולמאַכטען פֿאַר דער רעגירונג וועט זי עס אָבער טון אויף אַזאַ אופֿן, אַז דער פֿאָרשלאָג זאָל נישט אַדורכפֿאַלען.

אַזוי וועלען די נ. ד. שטימען געגען, די פּויערים-ריכטונג – וועט זיך אָפּהאַלטען פֿון שטימען, פּיאַסט און כ. ד. וועלען שטימען פֿאַר און דובאַנאָוויטשעס גרופּע – פֿאַר.

וואַרשאָ, 15 (טעלעפאָניש) איינער פֿון די פּ. פּ. ס.-פֿיהרער האָט אין אַ געשפּרעך מיט אַ זשורנאַליסט ערקלערט, אַז דער פּ. פּ. ס. סיים-קלוב מאַכט אָפּהענגיג זיין שטעלונג אויפ'ן סיים פּלענום פֿון דעם פּרעמיערס עקספּאָזע.

אויב דער פּרעמיער וועט פֿערזיכערען, אַז ער וועט נישט אָנרירען די סאָציאַלע געזעצגעבונג און אַז די רעגירונג וועט זיך ענערגיש בעמיהען צו פֿערקלענערען די אַרבייטסלאָזיגקייט, בעקעמפֿען דעם יקרות, וועלען די פּ.פּ.ס. שטימען פֿאַר ערטיילען דער רעגירונג פֿולמאַכטען.

פּרעמיער מסכּים מיט דער שטעלונג
פֿון די יודישע האַנדעלסקרייזען בנוגע דעם צעכען געזעץ.

וואַרשאַ, 15 (טעלעפאָניש פֿון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אַ דעלעגאַציע פֿון יודישע האַנדווערקער האָט זיך היינט פֿאָרגעשטעלט פֿאַר'ן פּרעמיער-מיניסטער באַרטעל און האָט איהם פֿאָרגעשטעלט זייערע פּאָסטולאַטען וועגען דעם צעכען-געזעץ, צאָל-עקספּאָרט און האַנדעלס-בעציהונגען מיט'ן מזרח.

פּרעמיער באַרטעל האָט דער דעלעגאַציע ערקלערט, אַז אַלס געוועזענער האַנדווערקער האָט ער די זעלבע אַנשויאונגען וואָס די דעלעגאַציע. וועגען די איבריגע פֿראַגען האָט דער פּרעמיער געבעטען צושטעלען איהם אַ מעמאָריאַל, וועלכען ער וועט בעטראַכטען.

פּויִלן - דעמאָנסטראַציע פֿאַר'ן פּאַוויאַק.

וואַרשאַ, 15 (טעלעפאָניש פֿון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט פֿאַר מיטאָג האָט זיך פֿאַר'ן פּאַוויאַק צוזאַמענגעקליבען אַ פּאָר הונדערט פּרויען, וועלכע האָבען אָנגעהויבען אַ דעמאָנסטראַציע פֿאַר בעפֿרייען די אַרעסטירטע. די אָנגעקומענע פּאָליציי האָט פֿאַנאַנדערגעטריבען די דעמאָנסטראַנטען דערביי זענען אַרעסטירט געוואָרען 12 פּערזאָן צווישען זיי 5 יודען. איינינע אַרעסטירטע ערקלערען אַז זיי זענען צופֿעליג פֿערבייגעגאַנגען.

קרן-קימת פֿערגרעסערט די קליינע באָדען-בעזיצען.

ירושלים, (א. י. ק.). אין פֿערלויף פֿון איצטיגען יאָהר האָט דער יודישער נאַציאָנאַל-פֿאָנד בעוויזען צו ערווערבען די פֿאָלגענדע באָדען-שטחים, וועלכע גרעניצען זיך מיט די קליינע באָדען-שטחים, וועלכע ער בעזיצט שוין פֿון פֿריהער און וועמענס אויסזיכטען אויף אַנ'עקאָנאָמישען ערפֿאָלג זענען צוליב די ערווערבונגען בעדייטענד גרעסער געוואָרען:

1000 דונאַם באָדען אין אַסאָפֿיע, וואָס גרעניצען זיך מיט יאַדזשור און אַזוי-אַרום צעהלט איעס יאַדזשור 4.800 דונאַם; 1572 – אין צמח, וואָס גרעניצען זיך מיט כנרת, אוס-דזשעני און דגניה. אין זייער שטח-באָדען בעשטעהט איצט פֿון 10.860 דונאַם; 1000 אין קיבעבע, צוליב וואָס דער באָדען-בעזיץ פֿונ'ם פֿאָנד איז דאָ איצט 6.300 דונאַם.

פֿראַנצויזישע מיליטער-לייט טאָרען נישט איבערטרעטען די ארץ-ישראל-טעריטאָריע.

ירושלים. (י.ט.אַ.) אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן בעזוך אין ירושלים פֿון שעף פֿון די פֿראַנצויזישע מיליטערישע כּוחות אין נאָהענטען מזרח, גענעראַל גאַמעלין, ווערט דאָ איבערגעגעבען, ייאָס גענעראַל גאַמעלין האָט פֿערלאַנגט פֿון לאָרד פּלומער צו פֿערשטאַרקען די שמירה פֿון דער סיריש-ארץ-ישראל-גרעניצען, כּדי די קעמפֿענדע דרוזען זאָלען נישט האָבען די מעגליכקייט זיך אויסצובעהאַלטען אין ארץ-ישראל. ווייטער האָט געגעראַל גאַמעלין פֿערלאַנגט אַז די פֿראַנצויזישע מיליטער-אָפּטיילונגען זאָלען האָבען דאָס רעכט נאָכיאָגען די ענטלויפֿענדע דרוזען אויף אויף דער בריטישער מאַנדאַט-טעריטאָריע. דעם לעצטען פֿאָרשלאַג האָט לאָרד פּלומער ענטשיידען אָפּגעוואָרפֿען.

וואַרשאָווער כּהלה-ראַט פּראָטעסטירט
געגען נאָמינירען מיטגלידער.

וואַרשאַ, 15 (טעלעפאָניש פֿון אונזער קאָרעספּאָנדענט). היינט איז פֿאָרגעקומען אַ זיצונג. אויפ'ן טאָג-אָרדנונג איז געווען די פֿראַגע וועגען אָננעהמען אַ פּראָטעסט געגען דעם בעשטימען אַ רב אַלס מיטגליד אין דער וואַרשאָווער קהלה-פֿערוואַלטונג. די אַגודה מיטגלידער האָבען איינגעאָרדענט אַנ'אָבסטרוקציע. נישט קוקענדיג אויף דעם איז דאָך אָנגענומען געוואָרען די קאָמפּראָמיס-רעזאָלוציע פֿון די ציוניסטען און מזרחי, אין וועלכער ס'ווערט פּראָטעסטירט בכלל געגען דעם נאָמינירען מיטגלידער. די קהלה-פֿערוואַלטונג איז אויפֿגעפֿאָדערט געוואָרען נישט צו אַרבייטען מיט קיין נאָמינירטע מיטגלידער.

---

100 סערטיפֿיקאַטען פֿאַר מעדלעך.

וואַרשאָ, 15 (טעלעפאָניש פֿון אונזער קאָרעספּאָנדענט). דער צענטראַלער א״י אַמט האָט היינט דערהאַלטען 100 סערטיפֿיקאַטען פֿאַר מעדלעך.

בערנאַרד קאָהן קומט קיין וואַרשאָ.

וואַרשא, 15 (טעלעפאָניש פֿון אונזער קאָרעספּאָנדענט) דעם 1 אויגוסט קומט קיין וואַרשא דער אייראָפּעאישער דירעקטאָר פֿון „דזשאינט" ד״ר בערנאַרד קאָהן.

געווינסטען פֿון דער 13-טער מלוכה-לאָטעריע
4 קלאַס 1 טאָג.

45000 זל. 28895.
20000 זל. 63081.
10000 זל. 57212.
5000 זל. 17284.
2000 זל. 41054, 48762.
1000 זל. 18123, 55988.
800 זל. 32887, 40014, 63129.
600 זל. 28950, 45522, 64519.
500 זל. 22510, 27285, 51316.
400 זל. 352, 10414, 13629, 15098, 17007, 25250, 36396, 37056, 43854, 50332, 60028, 60232, 63863, 64200.

2-טער טאָג.

600 זל. 15306, 21253.
500 זל. 3076, 4920, 11622, 22797, 51915, 54610, 61897.
400 זל. 13371, 20632, 26153, 36121, 46062, 51565, 53542, 60252, 60266, 60333, 62113.

את חברנו הנכבד העסקן צבורי נלהב ומסור לרעיון „אגודת ישראל"
מר אליעזר גליצענשטיין נ״י
הננו מברכים בברכת מזל טוב חמה ונלבבה לרגלי הולדת בתו תחי'.
יזכה לראות בה הגשמת רעיון ה„בית יעקב" - בת נאמנה לעם ישראל ותורתו על ארצנו הקדושה.
הועד והנהלה של בית הספר לנערות „בית יעקב", צעגעלניאַנאַ 24.

בברכת מזל טוב הננו מביעים בזה לידידנו מר אליעזר גליצענשטיין ורעיתו להולדת בתו תחי'
י. נ. קאמיענייץ ורעיתו.

צו דער פֿערלאָבונג פֿון פֿרל.
אלא בריל מיט ה' הענך בלאַנקעט
גראַטולירט הערצליך און ווינשט פֿיל גליק
שלום פּלום און פֿרוי. 766

Dr. med. Grzegorz Rozenberg
אינערליכע קראַנקהייטען. ספּעציאַליסט פֿאַר מאָגען- און דאַרם-קראַנקהייטען.
גדאַנסקאַ Gdańska 44 טעלעפֿאָן 24·44
נעהמט אָן פֿון 230 ביז 330 נ״מ. און לעטשניצאַ „סאַניטאַס", צעגעלניאַנאַ 29 פֿון 9–10 פֿון 6 ביז 730 אָ'.

וויקלערס
צו שטאָפּ-גאַרן קענען זיך זאָפֿאָרט מעלדען
פּאָנסקאַ 31
וואוינונג 10 ביז 9 אַ זייגער פֿריה און 2–3 נאָכמ. 728

שוחחים וקידרים עומדים אנו לפני קברו של הנדבן ר'
יוסף ב״ר דניאל דוברניצקי ז״ל
שנקטף בדמי ימיו – ומביעים אנו את השתתפות צערנו את משפחתו המתאבלת.
ינחמה ד' בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
ועד של בית ספר לנערות „בית יעקב", צעגעלניאַנאַ 24. 741

מאָנטאָג, דעם 19-טען יולי ה. י צווישען 3–4 אַ זייגער נאָכמ. קומט פֿאָר די ענטהילונג פֿון דער מצבה פֿון
נ. ע.
ביילע גאָלדסינג. 767

Dr. PRYBULSKI
זאַכאַדניאַ 1 טעלעפֿאָן 38 .25
וועגער. און האַר- הויט-קראַנקהייטען, מענער-שוואַכע בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-ליכט (האָר-אויספֿאַל) און רענטגען שטראַהלען.
נעהמט אָן פֿון 9–1 און 4–8 אויף דאַמען: פֿון 4–5

Najsilniejsze bóle głowej usuwa.

בונד פון אייראפעאישע פעלקער.
האנדעלס-טראקטאט מיט דייטשלאנד.

בונד פון אייראפעאישע פעלקער.

פ א ר י ז, 15 (פאט) נעכטען איז דא פארגעקומען א בעראטונג פון פאלי-טישע טוער פון פראנקרייך, ענגלאנד, דייטשלאנד, פוילען, טשעכאסלאוואקיען און האלאנד. די בעראטונג האט געהאט דעם ציל צו שאפען א פעראייניגונג וואס זאל שטרעבען צו פערזיכערען די איינשטימיגקייט צווישען די אייראפע-אישע פעלקער.

פוילען איז געווען רעפרעזענטירט דורך די ה"ה טוגוט און קאמענעצקי.

די פאריזער קאנפערענץ האט בעשלאסען אויסצוקלויבען אנ'ארגאניזא-ציאנס-קאמיטעט, וואס זאל אויף ענדע אויגוסט צוזאמענרופען אין גענף א נייע קאנפערענץ, אין וועלכער ס'זאלען אנטייל-נעהמען אלע פעלקער.

אויף דער דאזיגער קאנפערענץ זאלען אויסגעארבייט ווערען דער סטא-טוט פון דער פעראייניגונג און דער טעקסט פונ'ם אויפרוף צו די אייראפעאישע פעלקער. אלס סעקרעטאר פונ'ם קאמיטעט איז אויסגעוועהלט געווארען אל-פרעד נאסיג.

באדען פאר חסידישע קאלאניסטען

י ר ו ש ל י ם, (א. י. ק) אויף דער לעצטער זיצונג פון נאציאנאל-פאנד-די-רעקטאריום איז בעטראכט געווארען די פראגע וועגען פערגרעסערען דעם שטח באדען פון די חסידישע ישובים אין עמק-יורעאל.

דאס דירעקטאריום האט דעריבער בעשלאסען צו פערגרעסערן דעם באַ-דען-שטח מיט נאך 6 000 דונאם, אזוי אז אין די ישובים וועט מען שוין קע-נען פאלשטענדיג קאלאניזירען ביז 90 פאמיליעס, דערווייל ביז די 80 פא-מיליען, וועלכע געפינען זיך שוין דארט.

די פראגע וועגען די דערמאהנטע חסידישע ישובים אין עמק איז אויך דיסקוטירט געווארען לעצטענס אויף א זיצונג פון דער היגער ציוניסטישער עק-זעקוטיווע, אויף וועלכער ד"ר ש. קאפ-לאנסקי האט געגעבען א פולען בעריכט איבער דעם איצטיגען צושטאנד פון די זעלבע ישובים.

נעהמענדיג אין אנבעטראכט, אז די חסידים קענען מעהר נישט ווארטען אויף הילף פון פוילען, איז פארגע-שלאגען געווארען, אז דאס געלד, וועל-כע איז נויטיג פאר זייער פאלשטענדי-גע קאלאניזאציע, זאל געזאמעלט ווע-רען דורך א געזעלשאפטליכען ארגאן. די עקזעקוטיווע האט בעשלאסען צו ברענגען די פראגע אויף דער זיצונג פון ציוניסטישען אקציאנס-קאמיטעט אין לאנדאן.

דער אנטייל פון די יודען

אין דעם אויפבוי פון אמעריקא.

נ י ו - י א ר ק. (יט"א). דער אנטייל פון די יודען אין דעם אויפבוי פון אמערי-קא, וועט מאניפעסטירט ווערען אויף א בעזונדערע אבטיילונג אין דער גרויסער אויסשטעלונג אין פילאדעלפיא לכבוד דעם 150-יעהריגען יובילי פון דער דא-זיגער שטאדט. די יודישע אבטיילונג אויף דער אויסשטעלונג וועט פערנעה-מען 110 קוואדראט-פוס. אין דעם איינ-גאנג אין דער יודישער אבטיילונג וועט-לען זיך געפינען בילדער פון דער יו-דישער געשיכטע, געלעהרטע א. ד. גל. די אבטיילונג גופא וועט ארומנעהמען אלע צווייגען פון יודישען ווירטשאפט-ליכען, קולטורעלען און רעליגיעזען לע-בען אין די פעראייניגטע שטאטען. א בעזונדער ארט וועט אבגעגעבען ווערען דער געשיכטע פון די יודען אין אמע-ריקא. עס וועט בעוויזען ווערען מיט געשיכטליכע דאקומענטען, אז קאלומבוס שטאמט פון מוטערס צד פון יודען, און דאס יודען האבען זיך בעטייליגט אין קאלומבוס'עס ערשטע רייזע אין דער נייער וועלט און נאכהער זיך בעטייליגט אין דער גרינדונג פון „ניי-אמסטערדאם".

א בעזונדער ארט וועט אויך זיין ווע-גען דעם אנטייל פון די יודען אין דעם בעפרייאונגס-קריג פון אמעריקא. דער פרעצעדענט-זאך פון דער יודישער בע-פעלקערונג בעת עס איז פארגעקומען די גרינדונג פון דער רעפּובליק א. א. וו.

אנפאלען אויף יודען אויפ'ן ריגער שטראנד.

ר י ג ע (יט"א) די אנפאלען פון די לעטישע פאשיסטען אויף יודען, בעזונ-דערס אויף יודישע סטודענטען, חזר'ן זיך אין די לעצטע טעג ווידער איבער. כוליגאנעס זענען בעפאלען אויפ'ן שטראנד א גרופע יודישע סטודענטען און זיי אונברחמנות'דיג געשלאגען.

סלוצקער ישיבה פערוואנדעלט אין א קוסטארען קלוב.

מ א ס ק ו ו ע (יט"א) דער בנין פון דער ג. סלוצקער ישיבה אנז אין משך פון יאהרען געשטאנען פוסט. די ישיבה גופא איז דורך די באלשעוויקעס צע-טריבען געווארען. איצט האט די „יעווסעקציע" זיך בעוזינען און ציגענו-מען דעם לאקאל פון דער ישיבה פאר א קוסטארען-קלוב.

א יודישער פאליטישער פאנד אין ליטע.

ק א וו נ ע (יט"א) דער ביי-ראט פון דער יודישער סיים-פראקציע האט בע-שטימט דעם בודזשעט פון דער יודישער סיים-פראקציע. גלייכצייטיג איז בעשלא-סען געווארען צו שאפען א שטענדיגען פאנד פאר פאליטישע צוועקען און דורכ-פיהרען אין גאנצען לאנד א געלד-זאמ-לונג לטובת דעם פאנד.

פערבאנד פון יודישע לעהרער און חזנים אין דער שווייץ.

צ י ר י ך, (י.ט.א.) עס האט זיך גע-גרינדעט א פערבאנד פון יודישע רע-ליגיאנס-לעהרער און חזנים אין דער שווייץ. צום פערבאנד געהערען שוין 26 רעליגיאנס-לעהרער און 22 חזנים.

Dr. SOŁOWIEJCZYK ARKADJUSZ
קינדער-קראנקהייטען
אנדרזשעיא 4, טעל. 29-85.
עמפפאנג-שעה'ן: אין דערהיים פון 8—10 פריה און פון 5 ביז 6 אווענט נאכמיט ג. אין דער לעטש יצע „זדראוויע" (נאמאטיעסקא 3) פון 10 ביז האלב 12 פריה און פון 3 5 נאכט.

אכטונג!
אין האלושקי
איז מעגליך צו בעקומען דעם
„נייעם פאלקסבלאט"
ביי ה' משה ראזענבלאט.

האנדעלס-טראקטאט מיט דייטשלאנד

וו א ר ש א, 15 (טעלעפאניש) אין די אונטערהאנדלונגען צווישען פוילען און דייטשלאנד איז איצט פארגעקומען א הפסקה, וואס וועט דויערען עטליכע וואכען. די אונטערהאנדלונגען געפינען זיך אין א גוטען צושטאנד, און דער האנדעלס טראקטאט וועט זיכער ווערען גאר אינגיכען געשלאסען און וועט אין דעצעמבער שוין זיין אונטערגעשריבען.

גרויסע דייטשע פאבריקען און פירמעס מאכען שוין פארבערייטונגען צו בענייען אינטענסיווע האנדעלס-בעציהונגען מיט פוילען.

א זעלבסטמערדערישע אידעאלאגיע

חיים נחמן ביאליק וועגען דעם יודענטום אין אמעריקא.

נ י ו - י א ר ק (י.ט.א.) חיים נחמן ביאליק האט פאר זיין אפפאהרען פון אמעריקא אויף זיין צוריקרייזע קיין ארץ-ישראל, אויפגענומען א פארשטע-העד פון דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור וועמען ער האט געזאגט:

„די יודען אלס יורשים פון אנ'אל-טער קולטור, מוזען די דאזיגע קולטור פלעגען, אויב זיי ווילען נישט אונטער-געהן. פון דאזיגען שטאנדפונקט ארויס געהענדיג, קאן מען אין קיין פאל בע-טראכטען די צוקונפט פון די יודען אין אמעריקא אלס א גוזיכערטע. די זעלבסט צופרידענהייט, וואס ווערט ארויסגע-שטעלט פאר אלעמען אין די אויגען מאכט א נישט-גוטען איינדריק. די לע-בענס-פרייד וואס ווערט כסדר מאני-פעסטירט פאר אויסען איז נישט קיין שוים פון איבערפולטען בעכער, נאר א זייפענבלאז. דאס איז דאס געפיהל פון דער אהנמאכט, צוזאמען מיט דער אונוויסענהייט און ספקות איבער דעם אייגענעם ווערט פון מענשען.

די וועלט-אנשויאונג פון די אמערי-קאנער ציוניסטען, האט ביאליק ווייטער געזאגט, איז נאך אנ'ענגע. זיי בעטראכ-טען נאך דעם ציוניזם אלס א מין פי-לאנטראפישע ארבייט. די פיהרער פון אמעריקאנער יודענטום, סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס האבען נאך קיין פאזי-טיווע שטעלונג צום עצם מהות פון ציוניזם. דאך האב איך ביי זיי בעמערקט א גוטען רצון. איך מוז אבער מיט בע-דויערן פעסטשטעלען, אז זייער אידעא-לאגיע טראגט אין זיך א סכנה פאר דער ווייטערער עקזיסטענץ פון אמערי-קאנער יודענטום.

דער פרעמיער פ'ן עבר-הירדן וועגען דעם ענגלישען רעזשים.

א מ א ן. (י.ט.א.) דער ניי-בעשטימ-טער פרעמיער פון עבר-הירדן האסאן-פאשא האט געגעבען אנ'אינטערוויו דעם פערטרעטער פון דער יודישער טעלעגראפען-אגענטור און זיך ארויסגע-זאגט וועגען די מיטיילונגען פון די אראבישע צייטונגען, דאס די ענגלישע רעגירונג האט בעשטימט אין עבר-הירדן הויכע בעאמטע, וועלכע זענען נישט פעראנטווארטליך פאר דער לאנד-רעגירונג.

האסאן-פאשא האט די דאזיגע ידיעה אבגעלייקענט און ערקלערט, אז די ענגלישע בעאמטע אין עבר-הירדן זע-נען פעראנטווארטליך פאר דער לאנד-רעגירונג פונקט אזוי ווי די אראבישע בעאמטע. אנ'אויסנאהם איז געמאכט געווארען בלויז אין בעצוג צום בריטי-שען פערטרעטער אין עבר-הירדן קא-לאנעל קאקס, וועלכער בעקומט אינ-סטרוקציעס פון ענגלישען קאלאניאל-אמט. וועגען אנ'ענגלישער קאנטראל איבער די פינאנצען פון עבר-הירדן קען גאר קיין רעד ניט זיין. דער פרעמיער פון עבר-הירדן האפט מיט זיין אייגע-נער טעטיגקייט צו סאנירען די פינאנ-צען פון לאנד.

די רעגירונג וועט זיך בעמיהען פער-אינטערעסירען אויסלענדישע קאפיטא-ליסטען מיט די רייכטימער פון לאנד. די אונטערהאנדלונגען מיט רוטענבערגס עלעקטריע-קאמפאניע מאכען גרויסע פארטשריט און אינגיכען וועט מען צו-טרעטען צו עלעקטריפיצירען דאס לאנד.

קינא ביים קאאפעראטיוו
פון מלוכה-, קאמונאלע און גע-ועלשאפטליכע בעאמטע
40 שיענקעוויטשא 40.
אויפ'ן ערשטען סעאנס אין געוו. טעג פון 5.30 נאכמ. און יום-טוב 3 א זייגער נ מ
ווענען אלע פלעצער צו 50 גר.

פון דינסטאג, דעם 13. יולי ביז מאנטאג, דעם 19. יולי ד. י. קינא אין גארטען!
ווארט דעמאנסטרירט דאס גרויסע מייסטערווערק פון פאריזער פראדוקציע
וועלט פון קוליסען און ליידענשאפטען
אין 8 אקטען פון שטורמישען לעבען. --- אין די הויפט-ראלען:
MOŻUCHIN און LISIENKO
אכטונג! קירצליך נייער פראגראם: „אין קיניג'ס נאמען".
קאסינא און מלעטשארניע אין גארטען.

דאנטיסט און צאהנטעכניק
י. ביטענסקי
5 קאנסטאנטינער 5
נעהמט אן אלע טאג פון 9 פריה ביז 8 אווענד.
פרייזע ביליגע! בעראטונג אהן געצאהלט

אכטונג,
דרוקעריי-בעזיצער!
עס איז דא צו פערקויפען אנ'ארך פון 50 קילא פעטיט מרובע (יודיש) ווי אויך פעטיט אין גוטען צושטאנד.
צו ערפאהרען אין אדמיניסטראציע פון דער צייטונג.

Dr. med. Ignacy MARGOLIS
אויגען-קראנקהייטען
ספעצ. אויגען און לעמפעטעל נעמט אן פון 12 ביז 1 און פון 6 ביז 7½, ,Vita" פעטרוקאווער 45
12—11.

קאָנסטיטוציע-קאָמיסיע אָנגענומען די געזעץ וועגען רעגירונגס-פולמאַכטען אין דער דריטער לעזונג.

וואַרשאַ. 15 (טעלעפאָניש) היינט האַלב 12 פאַרמיטאָג האָט זיך פער־זאַמעלט די קאָנסטיטוציע-קאָמיסיע אין דער אָנוועזנהייט פון יוסטיץ-מיניסטער מאַקאָווסקי. ס'איז פאָרגעקומען די דריטע לעזונג. שוין ביים 1 פונקט פונ'ם סטאַטוט האָט זיך ענטוויקעלט א ברייטע דיסקוסיע און ס'זענען אַריינגע־טראָגען געוואָרען א רייה ענדערונגען.

דעפּ. קאָנאָפּאָטשינסקי (נ. ז. ל.) האָט אָנגעפרעגט דעם יוסטיץ-מיניסטער אין וואָס וועט בעשטעהן די „יוסטיץ-פער־איינהייטליכונג", וועגן וועלכער ס'ווערט גערעדט אין אַרטיקעל 1. דער יוסטיץ מיניסטער האָט געענטפערט, אַז איצט עקזיסטירען 3 רעכטס-סיסטעמען, וואָס זייער אָנווענדונג ברענגט אָפט צו ווידערשפּרוכען און אַ כאַאָס. ס'איז אָנגענומען געוואָרען דער פאָרשלאַג פון דעפּ. קאָנאָפּאָטשינסקי אויסצושטרייכען דאָס וואָרט „פעראיינהייטליכען" אַזוי, אַז עס לויטעט איצט: „איינאָרדנען דעם יורידישען צושטאַנד פון דער מלוכה".

דער יוסטיץ-מיניסטער האָט נאָך פער־לאַנגט, אַז אין די פולמאַכטען זאָל ויין אויך דאָס רעכט צו שליסען אינטערנאַ־ציאָנאַלע אָפּמאַכען, די ענינים פון מלוכה- און זעלבסטפערוואַלטונג-פינאַנ־צען, און דאָס איי־אָרדנען דעם שטייער-סיסטעם.

געגען דעם זענען שטאַרק אַרויסגע־טרעטען די דעפּ. בירקאַ און סטראָנסקי.

דער פאָרשלאַג פון דעפּ. ליבערמאַן (פּ.פּ.ס.), אַז פון די פולמאַכטען זאָלען אויסגעטיילט ווערען די פראַגען וועגען געזעלשאַפטליכע אויפּ אבען איז אָפּגע־וואָרפען געוואָרען.

ס'איז אויך אָפּגעוואָרפען געוואָרען דאָס רעכט צו שליסען אינטערנאַציאָנאַ־לע אָפּמאַכען, פינאַנץ-אָפּמאַכען, און וועגען שטייער-ענינים. ביים בעטראַכ־טען דעם פונקט 2, וואָס רעכענט אויס וועלכע ענינים ווערען אויסגעשלאָסען פון די פולמאַכטען פאַר דער רעגירונג איז ניעדזיאַלקאָווסקי'ס (פּ.פּ.ס.) פאָר־שלאַג, אַז פון די פולמאַכטען זאָלען אויסגעשלאָסען ווערען דאָס רעכט צו ענדערן די אַרבייטער-געזעצגעבונג, אָפּגעוואָרפען געוואָרען. דאַגעגען זענען אָנגענומען געוואָרען קע־ניק'ס פאָר־שלאַגען, אַז ס'זאָל נישט געגעבען ווע־רען קיין רעכט צו ענדערן דאָס פער־וואַלטונגס-טיילען פון די שטייער-איינקונפ־טען צווישען דער רעגירונג און די זעלבסטפערוואַלטונגען, דאָס העכערן דעם צאָל און דאָס ענדערן די גרעני־צען פון די וואָיעוואודזשטווס.

ס'זענען אויך אָבגעוואָרפען געוואָרען די פאָרשלאַגען פון „וויזוואָלעניע" און

פון יודישען „קאָלאָ"

אַז ס'זאָל נישט אויסגעטיילט ווערען דאָס רעכט אויף געזעצגעבונג וועגען הייראַט-ענינים. ווייטער איז בעשלאָסען געוואָרען אויסצושטרייכען פון די פול־מאַכטען די פראַגע וועגען די שפּראַ־כען-געזעצען.

דער פאָרשלאַג פון דובאַנאָוויטש'ען, אַז ס'זאָל נישט אויסגעטיילט ווערען די פראַגע וועגען ענדערען די וואָהל-אָר־דינאַציע איז דורכגעפאַלען.

דער אַרטיקעל 3 איז אָנגענומען אָהן ענדערונגען. די פאָרשלאַגען

פון יודישען „קאָלאָ" און „ויזוואָלעניע".

1) אַז דער געזעץ זאָל פערלירען זיין קראַפט, ווען די איצטיגע רעגירונג זאָל רעזיגנירען, 2) אַז די פולמאַכטען זאָ־לען נישט אויסגענוצט ווערען בעת דער סיים-סעסיע און אַז די פולמאַכ־טען זאָלען גילטען נאָר ביז'ן יאָהר 19.7 – זענען אָבגעוואָרפען געוואָרען.

די איבריגע אַרטיקלען זענען אָנגע־נומען געוואָרען אין דער דריטער לע־זונג אָהן ענדערונגען.

דעפּ. כענטשינסקי האָט ערקלערט, אַז דער מאַרשאַלעק בעהאַנדעלט די ביידע פראַגען – וועגען די פולמאַכטען פאַר דער רעגירונג און וועגען ענדע־רען די קאָנסטיטוציע – צוזאַמען. די קאָמיסיע האָט בעשלאָסען עס צוטיילען אין צווי פראַגען, וועלכע ס'וועט רע־פערירען דער זעלבער רעפערענט.

קאָנפערענץ אין פינאַנץ-מיניסטער־יום מיט יודישע סוחרים.

וואַרשאַ, 15 (טעלעפאָניש פון אונ־זער קאָרעספּאָנדענט) מאָרגען, פריי־טאָג קומט פאָר אַ קאָנפערענץ אין פינאַנץ מיניסטעריום מיט די פאָרשטעהער פון די יודישע סוחרים וועגען דעם מעמאָריאַל, וואָס די צענטראַלע פון די סוחרים פעראיינען האָבען דערלאַנגט דעם מיניסטער. מ'רעכענט, אַז איינינע פראַגען וועלען גינסטיג ערלעדיגט ווערען.

אין דער אַדמיניסטראַציע-קאָמיסיע

וואַרשאַ, 15 (טעלעפאָניש פון אונ־זער קאָרעספּאָנדענט) היינט האָט די אַדמיניסטראַציע-קאָמיסיע ביים סיים אָנגענומען אין דער צווייטער לעזונג אַ געזעץ, אַז די וואַהלען אין די דאָר־פישע גמינעס דאַרפען פאָרקומען אויף פּראָפּאָרציאָנעלע יסוד, דאָרט וואו די בעפעלקערונג איבערשטייגט 500 איינוואוינער.

די גמינעס וואָס צעהלען איבער טויזענד איינוואוינער, ווערען איינגעטיילט אויף וואַהל קרייזען. בעת די דעבאַטען איז אייניגע מאָל אַרויסגעטרעטען דע־פּוטאַט אינזלער (יודישע קאָלאָ), וועל־כער האָט שטאַרק פּראָטעסטירט געגען דער וואַהל-אָרדינאַציע, וואָס צילט צו בעשיידיגען די וואַהל-מעגליכקייטען ביי נאַציאָנאַלע מינדערהייטען די אוקראַי־נער און ווייסרוסען און די זעלבסט־פערוואַלטונגס-אָרגאַנען.

גליקוואונש פון לאָרד פלומער צו הערבערט סעמועל.

ירושלים. (יט"א). דער נציב העליון פון ארץ ישראל פעלדמאַרשאַל לאָרד פלומער האָט צוגעשיקט אַ גליק־וואונש צו זיין פאָרגענגער סער הער־בערט סעמועל, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אָרדער, וואָס סער הערבערט סע מועל האָט בעקומען. אין טעלעגראַם ווערט געזאָגט, דאָס די אויסצייכנונג, וואָס הערבערט סעמועל האָט בעקו־מען האָט געמאַכט אַ בעזונדער גוטען איינדרוק אין ארץ ישראל, וואו זיינע פערדינסטען ווערען הויך געשעצט.

10,000 דאָלאַר פאַר'ן שוואַרצבאַרד-קאָמיטעט.

פּאַריז, 15 (זפּ. טעל.) דער רע־דאַקטאָר פון אַמעריקאַנער „מאָרגען-זשורנאַל", ה' פישמאַן, האָט מיטגעבראַכט 10 טויזענד דאָלאַר צוגויגעזאַמעלט דורך אַמעריקאַנער יודען פאַר דעם שוואַרצבאַרד-קאָמיטעט אין פּאַריז. דאָס דאָזיגע געלד וועט בעשטימט ווערען, כדי אויפצודעקען דעם גאַנצען אמת און די גאַנצע גרויל פון די אוקראַאינער פּאָגראָמען.

אַלוועלטליכע קאָנפערענץ פון יודישע קריגס-אינוואַלידען.

דאַנציג, 15 (טעלעפאָניש דורך יט"א) היינט איז דאָ פאָרגעקומען די ערעפנונג פון דער אַלוועלטליכער קאָנ־פערענץ פון די יודישע קריגס-אינוואַלי־דען. אין דער קאָנפערענץ בעטייליגען זיך 60 דעלעגאַטען פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער, פון קאַנאַדע און פון א"י. ס'זענען אָנוועזענד אַלס געסט פערטרעטער פונ'ם פעלקער-בונד און פון אַ גאַנצע רייה רעגירונגען צוו. אַנד. אויך פון דער פוילישער.

צו דער קאָנפערענץ זענען איינגע־לאַדען געוואָרען אויך פערטרעטער פון די יודישע וועלט-אָרגאַניזאַציעס און פון די נישט-יודישע אינוואַלידען צענטראַ־לעס.

די ערעפנונגס-רעדעס האָבען גע־האַלטען ציפּרינסקי פון ניו-יאָרק און דעפּוטאַט העלער פון פוילען. די קאָנ־פערענץ האָט בעגריסט אַ פאָרשטעהער פון דאַנציגער סענאַט. פון סעקרעטאַר־יאַט פון דער פעלקער-ליגע אין גענף איז אָנגעקומען אַ שריפטליכע בעגריסונג. דער פערטרעטער פון דער פוילישער רעגירונג האָט זיך אָפּגעזאָגט צו בע־גריסען. אין פּרעזידיום זענען געוועהלט געוואָרען: די ה"ה באַרנער (פּוילען) באַראַט (בולגאַריען) און ציפּרינסקי (אַמע־ריקא) די קאָנפערענץ האָט אַרויסגע־רופען אַ גרויסע פּראינטערעסירונג ביי אַלע פרעמדע קאָנסולאַטען און ביי דער היגער מ כט.

די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז צו שאַפען אַ וועלט-אָרגאַניזאַציע פון יודישע קריגס-אינוואַלידען כדי צו פער־טיידיגען און פערטרעטען די יורידישע, גייסטיגע און מאַטעריעלע אינטערעסען פון די יודישע אינוואַלידען לגבי די מלוכות און לגבי דער יודישער געזעל שאַפט.

דאָלאַר
דער נעכטיגער סירם אין לאָדז.

נעכטען האָט זיך דער דאָלאַר אָנגע־הויבען מיט 9.28 און איז באַלד צוריק־געגאַנגען אויף 9.26. אַ גאַנצען טאָג האָט געהערשט אַ שוואַכע טענדענץ און דער דאָלאַר-קורס איז צו מיטאָג געפאַלען ביז 9.20 אין וואַרשא און 9.22 אין לאָדז. דער אָפיציעלער קורס איז געבליבען דער זעלבער, וואָס נעכטען, הגם די „באַנק פּאָלסקי" האָט היינט געצאָהלט מיט 2 גר. ביליגער ד. ה. 9.15. דאָס פאַלען פונ'ם דאָלאַר-קורס ערקלערט מען אין די פינאַנץ-קרייזען מיט דעם, וואָס נעכטען איז געווען דער לעצטער טערמין איינצוצאָהלען די שטייערן אָהן דער 10 פּראָצענטיגער הוספה און דעריבער האָט זיך געשאַפען א פאָדערונג אויף זלאָטעס, ווייל אַלע וואָס האָבען געהאַט דאָלאַרען, האָבען זיי געטוישט. נאָכמיטאָג איז איינ־געטרעטען אַ געוויסע שטייגערונג. דער אָנבאָט האָט זיך פעדקלענערט און דער דאָלאַר איז צוריק געשטיגען ביז 9.24 אין צאָהלונג און 9.26 אין פאָדערונג.

אויטאָ-שטייער זאָל פערקלענערט ווערען ביז 1 פּראָצענט.

וואַרשאַ, 15 (טעלעפאָניש) נעכטען האָט דעפּ. ווישליצקי אָפּגעהאַלטען א זעהר וויכטיגע פאַרבעראַטונג מיט'ן וויצע-מיניסטער וואַיציעכאָווסקי.

דעפּוטאַט ווישליצקי האָט אָנגעוויזען אויף דער נישט גערעכטער אָנווענדונג פון די פערשידענע שטייערן און אויף דעם פשוט סקאַנדאַליעזען סיסטעם פון איינמאָהנען.

פון אַ האַלב-אָפיציעלער קוועלע האָט מען איבערגעגעבען, אַז אין פינאַנץ-מיניסטעריום האָט מען שוין איינגעזעהן, אַז דאָס ווייטער פיהרען פון דער ביז איצטיגער פּאָליטיק קאָן ברענגען צו אַ קאַטאַסטראָפע פונ'ם גאַנצען האַנדעל.

אַ בעזונדער אַכט איז געלעגט גע־וואָרען אויפ'ן אויטאָ-שטייער, ווייל דער ביז איצטיגער הויכער פּראָצענט ליגט אַלס גרויסע לאַסט אויפ'ן גאַנצען האַנדעל און ס'איז צו ערוואַרטען, אַז אין דער נאָהנטער צוקונפט וועט דער שטייער-אָבצאָהל בעגרעניצט ווע־רען מיט 1 פּראָצענט, וואָס וועט האָ־בען אַ גרויסע בעדייטונג פאַר'ן גאַנצען האַנדעל.

נישט בעשטעטיגט די אַנאַרכיסטען אָרגאַניזאַציע.

וואַרשאַ, 15 (טעלעפאָניש פון אונ־זער קאָרעספּאָנדענט). דער אינערן־מיניסטער האָט היינט אָפּגעזאָגט צו רעגיסטרירען דעם פערבאַנד פון די אַנאַרכיסטען. דער אָבזאָג איז מאָטי־ווירט געוואָרען מיט דעם, וואָס די אויפ־גאַבען פון פעראיין בעדראָהען די זי־כערקייט און עפענטליכע אָרדנונג.

20 קרבנות פון א דונער.

בילק, 15 (טעלעפאָניש פון אונ־זער קאָרעספּאָנדענט). דאָ איז אין אַ געביירע 2 מאָל אַריין אַ דונער. 4 מענ־שען זענען דער'הרג'עט געוואָרען, 4 שווער פערוואונדעט און 12 לייכט.

טעאַטער „סקאַלאַ" 18 ציגעל-גאַס 18. דיר.: פ. הופערמאַן.

נאָר אייניגע גאַסטשפּילען פון אונזער גאַסט אויס אַמעריקאַ

יוליוס אַדלער

שבת דעם 17-טען יולי 3.45 נאָכמ., שבת אָווענד און זונטאָג אָווענד דעם 18. יולי – נור 3 מאָל ערנסט טאָלער'ס קראַנגעדיע אין 3 אַקטען (8 בילדער)

הינקעמאַן

מיט יוליוס אַדלער אין דער טיטעל-ראָלע.

ס'נעהמען אנטייל: משה ליפּמאַן, שושנה, קרעלמאַן, האַמבורגער, אייזענבערג, פאָרערמאַן, מאַניעלאַ, יערוזאַב, פּאַסטאָר, נירענבערג, לורנער און אַנדערע.

ספּעציעלע דעקאָראַציעס צו דעם שטיק, געמאָלען פון קונסטמאָלער סיהאַרא.

כאָר און אָרקעסטער. בילעטען צו בעקומען אין קאַסע.

מאָנטאָג – צוליב תשעה באב – ווערט נישט געשפּילט.

דינסטאָג, דעם 20. יולי

„אוריאל אַקאָסטאַ"

מיט יוליוס אַדלער אין דער טיטעל-ראָלע.

פילהאַרמאָניע-זאַל 1 דער ערשטער און 2-טער פּראָגראַם פון „אַזאַזעל" אויף 1 מאָל אין איין אָוועגד פאַר 1 גי עס 2

2 גראַנדיעזע פאָרשטעל. „אַזאַזעל"
פון וואַרשאַווער קליין-קונסט-טעאַטער

מאָרגען, שבת, ד. 17 יולי און זונטאָג, ד. 18. יולי, פּינקטליך 9 אָוונד

ס'וועט געגעבען ווערען
אַ גרויסע רעווי-פאָרשטעלונג

פון די שלאָגערס פון ביידע פּראָגראַמען פון טעאַטער „אַזאַזעל".
פּרייזען פון 75 גר. ביז 5 זלאָטעס. בילעטען צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע.
בעמ.: צוליב די גרויס פון פּראָגראַם, וועט זיך אָנהויבען פּונקט 9 אָוונט.
אכטונג: דער זאַל ווערט בעקיהלט און בעלויכטען דורך ספּעציעלע עלעקטרישע ווענטילאַטאָרען.

דער אַמעריקאַנער ביישפּיל.

די מורא'דיגע אויפרייסען פון די מלחמה-אַרסענאַלען אין דובר צווינגט צו פערטראַכטען זיך וועגען דעם, אַזויגערופענעם אַמעריקאַנישען פּאַציפיזם. די צייטונגען מעלדען, אַז דאָרט זענען אויפגעריסען געוואָרען קריגס-מאַטעריאַלען אויף הונדערט מיליאָן דאָלאַר אַן ערך, און אַז די דאָזיגע סקלאַדען זענען בסך הכל אַן אַכטעל טייל פון דער אַמעריקאַנישער בעוואָפענונג.

ווען מען זאָל נעהמען אין בעטראַכט דעם אומשטאַנד, אַז בעת אַ מלחמה דעצידירט דאָס רוב נישט אַזוי די אָנגעקליבענע וואָפען, ווי די שנעלע אָרגאַניזירונג, און וואָס אַמעריקא האָט זיך בעוויזען, אַז זי האָט קיין גלייכען נישט צו זיך — וועלען מיר ערשט בעקומען אַ שטיקעל בעגריף וועגען דער גראַנדיעזער מיליטערישער מאַכט פון דעם דאָזיגען פרידליכסטען לאַנד. מען דאַרף דערביי אויך נישט פערגעסען, אַז די געאָגראַפישע לאַגע פון אַמעריקא פערזיכערט זי כמעט פון אומגעריכטע אָנפאַלען, און אַז זי פערמאָגט סיי ווי אונגעהויער שטאַרקע מיטלען, חוץ וואָפען-מיטלען, צו ווירקען אויף פּעשידענע מלוכות אַזוי ווי זי פערשטעהט עס.

און פונדעסטוועגען האָבען זיך דאָ נישט לאַנג געפונען מענשען, וועלכע האָבען ביי דער געלעגענהייט פון אַמעריקא'ס לעצטען יובילעאום-יום-טוב געזאָגט מוסר אייראָפּא, אָנווייזענדיג איהר אויף אַמעריקא, וואָס איז שטאַרק מיט איהרע שלום-שטרעבונגען און כיוונות.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די דאָזיגע מוסר-ווערטער איז אָבער אויך אָנגעוויזען געוואָרען דערויף, אַז די אַמעריקאַנער האָבען דאָס רוב נישט געפיהרט קריג דערפאַר, ווייל לויט זייערע עקזיסטענץ-בעדינגונגען האָבען זיי פשוט נישט געהאַט, מיט וועמען מלחמה צו האַלטען.

זייער טענה איז געווען: „נעהמט אָפּ ביי די קריגערישע פעלקער זייערע שונאים, און זיי וועלען בלי שום ספק ווערען פּאַציפיסטען — אפילו, ווען עס זאָל זיין נעגען זייער ווילען".

אַז דער אַמעריקאַנישער פּאַציפיזם נעהמט זיך קודם-כל פון דער דאָזיגער סיבה — קאָן בעשטעטיגט ווערען דערמיט, וואָס ווי-נאָר עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ געלעגענהייט מיט וועמען צו קעמפען, האָבען זיי זעהר עקשנות'דיג געפיהרט קריג.

אַזוי האָבען די אַמעריקאַנער געפיהרט קריג, און לסוף כמעט אינגאַנצען אויסגעראָטען די תושבים; אַזוי האָבען זיי געפיהרט קריג מיט די זייער מאַטראָפּאָליע ביז'ן פולשטענדיגען זיג, און לסוף — דער פערביסענער קאַמף צווישען די צפון-שטאַטען און די דרום-שטאַטען.

און איצט-איצט, ביי די פילע רעדערייען און קאָנפערענצען וועגען אַלגעמיינער ענטוואָפענונג — האָבען זיך די אַמעריקאַנער אויסגעבויט דעם גרעסטען קריגס-פלאָט, איבערשטייגענדיג אַפילו גרויס-בריטאַניען, און וועגען דעם ווי גרויס עס זענען איהרע קריגס-אַרסענאַלען, אין די צוגרייטונג „אויף יעדען פאַל" זאָגט אונז טאַקי עדות דער אומגליק מיט די שרעקליכע אַמוניציע-אויפרייסען.

עס וועלען, אי"ה, פאָרקומען גענוג און גענוג ענטוואָפענונגס-קאָנפערענצען. מען וועט זיך לעגען אין דער לענג, און דער ברייט צו שאַפען פרידליכע שלום-ושלוה-שטימונגען. מען וועט ווייטער אָנווייזען אויף דער רודף-שלום'דיגקייט פון אַמעריקא — און אַמעריקא גופא וועט געוויס אָנטייל-נעהמען אין די דאָזיגע קריגערישע פרידענס-שמועסען, אַלס צוקוקערין...

דערווייל רייסען זיך די מכשירים, וואָס — דאַרפען ברענגען צום ענדגילטיגען שלום.

ר.

די ארץ-ישראל-וויינען

„כרמל"

זענען די בעסטע הייל-וויינען אין דער וועלט.

„MEDOC" (רויטוויין) ספּעציעל פאַר מאָגענליידענדע און צו-ערקראַנקע.

„BARZEL" (אייזענוויין) ספּעציעל פאַר בלוטאָרימע און רעקאָנוואַלעסצענטען.

Tow. „KARMEL", Warszawa, Nalewki 27.

אַ בריף פון אַן אוקראַינער יוד צו שלום שוואַרצבאַרד.

סאַטאַנאָוו, דעם 6 יוני 1926.

הויכגעשעצטער שוואַרצבאַרד!

„דער טאָג אין וועלכען מיר יודען אין אוקראַינע האָבען זיך דערוואַוסט, אַז מען האָט פּעטלוראַ'ן דער'הרג'עט זענען ביי יעדען די וואונדען, וועלכע זענען פערבליבען נאָך אַ מאָל בענייט דערפיהלט געוואָרען דער ווייטאָג. צו פראָסט איז דער נפש געווען, אַז דער טויט זיינער זאָל קאָנען פערלייכטערען דעם ווייטאָג און שטילען די צעבראָכענע הערצער פון טויזענדער אומגליקליכע אין אוקראַינע. ביז היינט ווען איהר קומט אַ ריין אין איינע פון די הרי'ה-שטעטלעך, וועט איהר טרעפען צעקריפּעלטע, צעקרימטע, צעשניטענע, צעשטאָכענע און גלאַט מענשען שאָטענס דרעהען זיך אַרום און ווייסען נישט צו וועמען זיך קעהרען, עלענדע פערלאָזטע אלמנות, יתומים דאָס קען מען זעהן אָהן מאָס. און שטילע פערבאָרגענע געהען זיי און טראָגען זייערע טייערסטע און נאָהענסטע אין האַרצען.

טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער. נאָך זיך אַליין פערטרויט מען אַלע טאָג דעם גרויסען סוד:

מיין טייערען האָט מען אין פּאָגראָם גע'הרג'עט. אַ וועהטאָג, דערצו עפעס נאָך אַ בושה נאָר ביי די יזכור'ס פסח-צייט (דאַן איז פאָרגעקומען אַמעהרסטען פּאָגראָמען) גיסען זיך כרעהרען, קרעכצען, געשרייען. דאָס הערען נאָר די שטומע פייכטע ווענד פון די בתי-מדרשים. און טראַכטען פלעג איך שטענדיג צי אין מערב-אייראָפּאַ איז נישטאָ אַזעלכער, וואָס ריהרט זיך אין איהם אַן אָדער און נישט נעהמען נקמה פון דעם מערדער פאַר דעם אומשולדיגען יודישען בלוט?! און עס האָט זיך ענדליך געפונען אַזאַ מענש מיט אַ וואַרעם האַרץ, וואָס האָט ערפילט די שליחות פון צוויי געליטענע אוקראַינער יודען. דער נאָמען שוואַרצבאַרד שלום איז אינז ניי און טייער. תמיד וועלען מיר איהם דערמאָהנען אינזער טייערען חבר, ווען מיר וועלען זיך אין אינזער חורבן דערמאָנען.

זאָלען לעבען אַזעלכע מענשען, וועלכע נעהמען זיך אָן פאַר'ן כבוד פון זיין פאָלק. זאָל לעבען דער טרייער חבר שוואַרצבאַרד.

איינער אַן אוקראַינער פון שטעטעל סאַטאַנאָוו, פּאָדאָלסקי גוב.

די אַפּעטיטען פון אַ רומעני-שען אַנטיסעמיט.

בוקאַרעשט, (י.ט.א.) אויף איינער פון די לעצטע זיצונגען פון רומעניש פּאַרלאַמענט, האָט דער פיהרער פון דער אַנטיסעמיטישער 11-פערזאָנענדיגער פראַקציע, פּראָפ. קוזא אָנגעקינדיגט דאָס זיין פראַקציע וועט אַריינטראָגען אין פּאַרלאַמענט אַ געזעץ-פּראָיעקט מכח צונעהמען ביי די יודען די בירגער-רעכט.

די יודישע קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד

וואָס דערצעהלט דזשעמס ראָזענבערג וועגען זיין בעזוך אין רוסלאַנד. — קאַלינין וועגען אַנטיסעמיטיזם אין סאָוויעט-רוסלאַנד און וועגען דער קרימער קאָלאָניזאַציע.

קיין ניו-יאָרק איז אָנגעקומען דער וויצע-פרעזידענט פון'ם אַמעריקאַנער „דזשאָינט", ה' דזשעמס ראָזענבערג, וועלכער האָט צוויי מאָנאַטען פערבראַכט אין רוסלאַנד, און אויסגעפאָרשט גענוי די קאָלאָניזאַציאָנס-פראַגע ה' ראָזענבערג האָט ערקלערט אַ פאָרשטעהער פון דער יודישער טעלעגראַפען-אַגענטור:

אויב עס איז פערהאַן אַ פאָרם פון הילף דורך וועלכער מען קען די יודען אין אייראָפּאַ אַוועקשטעלען אויף זייערע אייגענע פיס, איז דאָס די פאָרם פון קאָלאָניזאַציע.

„צעהן טויזענד יודישע פאַמיליעס זענען ביז דעם ערשטען יוני 1926 בעזעצט געוואָרען אויף ערד אין רוסלאַנד. די דאָזיגע ציפערען וואָס איך גיב אָן זענען נישט קיין סתם ציפערען, נאָר זענען בעגרינדעט אויף דער סטאַטיסטיק וואָס איך האָב געזאַמעלט זייענדיג אין רוסלאַנד. צוויי טויזענד חלוצים זענען פערהאַן צווישען די יודישע קאָלאָניסטען, און ווען עס זאָלען זיין מעהר מעגליכקייטען וואָלט די צאָהל יודען, וואָס ווילען זיך קאָלאָניזירען, געוואַקסען אין די טויזענדער פון וואָך צו וואָך.

ראָזענבערג האָט אויסגעלאַכט די בעריכטען וואָס זענען ערשינען אין די אַמעריקאַנער צייטונגען, אַז בלויז 4000 יודען זענען אין די קאָלאָניעס, און אַז די ערד וואָס די יודישע קאָלאָניסטען קריגען איז נישט קיין גוטע.

די דאָזיגע בעריכטען זענען לעכערליך און פאַלש, — האָט ער געזאָגט — די ערד וואָס די יודען האָבען, איז די רייכסטע און די בעסטע. דער בעסטער בעווייז איז דער פאַקט, אַז דאָס גערעטעניש אויף די פעלדער איז היינטיגס יאָהר פיל גרעסער ביי די יודישע קאָלאָניסטען ווי ביי די נישט-יודען.

„די קאָלאָניזאַציע אין רוסלאַנד איז אַזוי ערפאָלגרייך, אַז נישט בלויז דורכשניטליכע יודען ווילען זיך בעזעצען אויף לאַנד, נאָר אפילו די אָרטאָדאָקסישע יודען, וואָס האָבען קיינמאָל פון קיין ערד-אַרבייט נישט געוואוסט, קומען און בעטען מען זאָל זיי געבען ערד. צו מיר אַליין, — דערצעהלט מר. ראָזענבערג, — איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון רבנים און געבעטען, אַז דער „דזשאָינט" זאָל זיי העלפען גרינדען אָרטאָדאָקסישע קאָלאָניעס און וועלכע וועלען טאַקי אין גיכען געגרינדעט ווערען.

„די קאָלאָניסטען פיהלען זיך באמת גליקליך, האָט מר. ראָזענבערג איבערגעגעבען — ווען איך האָב אייניגע פון זיי געפרעגט אויב זיי ווילען צוריק אין שטאָט אַריין, האָבען זיי געלאַכט און געזאָגט, אַז דאָס לעבען אויף די קאָלאָניעס איז זיי אַזוי ליב, אַז זיי קענען קיינמאָל נישט בענקען צו דער שטאָט".

*

אין „איזוועסטיא" איז אָפּגעדרוקט אַ גרויסער אַרטיקעל פון אַלרוסלענדישען „סטאַראָסטע" קאַלינין, אונטער'ן נאָמען „די יודישע פראַגע און די יודישע איבערוואַנדערונג אין קרים".

קאַלאַנין האַלט, אַז דער אַנטיסעמיטיזם איז אַן אַלטע קראַנקהייט, וועלכע איז נאָך זעהר פערשפּרייט צווישען די קליינבירגערליכע און אינטעליגענטיש-שטאַטישע קרייזען. אַריבערגעהענדיג צו דער געשיכטע פון דער יודישער פראַגע אין רוסלאַנד, שטעלט זיך קאַלינין אָפּ אויף דער יודישער רעכטלאָזיגקייט בעת'ן צאַרישען רעזשים, וואָס די ראַטען-מאַכט האָט אומגעבראַכט. מיט'ן אָנקום פון דער ראַטען-מאַכט האָבען יודען, צוגלייך מיט אַלע רעכטלאָזיגע, בעקומען אַלע יורידישע רעכט, אויך דאָס רעכט פון בענוצען זיך מיט ערד.

קאַלינין ענטפערט אויך אויף די פאָרוואורפען וועגען דעם, אַז די ראַטען-מאַכט איז אַ יודישע ממשלה. ער דערווייזט, אַז די ראַטען-מאַכט איז זיך בעגאַנגען מיט יודען, פונקט ווי מיט אַלע אַנדערע גרופּען פון דער בעפעלקערונג.

די יודישע פאַבריקען, זאַוואָדען, הייזער, בענק, פראָצענט-פּאַפּירען — דאָס אַלץ, וואָס יודען האָבען געהאַט זעהר פיל, איז קאָנפיסקירט און אָפּגענומען. מיר, אַלס פּאָרזיצער פון אַלרוסישען צענטראַלען אויספיהר-קאָמיטעט, קומט אויס זעהר אָפט צו קעמפען מיט דער יודישער יוגענד, ווייל זי וויל, פונקט אַזוי ווי די רוסישע יוגענד, אָפּנעהמען די שולען און זי פערוואַנדלען אין קלובען.

די יודישע אָרימקייט האָט פערלוירען יעדע מעגליכקייט זיך צו פערנעהמען מיט האַנדעל און מיט מלאכות, און דעריבער איז גאַנץ פערשטענדליך, וואָס זיי האָבען זיך געווענדט צו דער ערד. צום סוף איז צונויפגערופען געוואָרען אַ קאָמיטעט אַריבערצופיהרען די יודען.

די ערד-נחלאות, וואָס יודען האָבען בעקומען אין קרים, נויטיגען זיך אין גרויסע קאַפּיטאַלען. די ראַטען-רעגירונג קאָן אין דעם נישט העלפען, און דעריבער האָט מען געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון אויסלאַנד, וואו עס ווערען געקליבען צו דעם צוועק געלדער. דער איבעריגער טייל פון דער רוסישער בעפעלקערונג, וואָס בעקומט נישט אַזאַ געלד-אונטערשטיצונג, קען נישט אַריבערוואַנדערען קיין קרים און איז געצוואונגען צו זוכען פרייע ערד אין סיביר. אין קרים האָט מען די יודען אויסגעטיילט ערד, וואָס איז ביז איצט נישט בענוצט געוואָרען.

צום סוף ווייזט קאַלינין אָן, אַז די גאַנצע פּאָליטיק פון דער ראַטען-מאַכט ווערט געפיהרט צו דעם, אַז די שטעטלשע יודישע בעפעלקערונג זאָל זיך פערוואַנדלען אין ערד-אַרבייטענדיגע עלעמענטען

אויף אַ פרעמדער שמחה.

(שטריכען פונ'ם „סאָקאָל"-קאָנגרעס אין פּראָג).

(קאָרעספּאָנדענץ פון פּראָג צום „נ. פאָלקסבלאַט").

פון ש. י. דאָרפזאָהן.

אפשר פערצייטענס, אין אַלטען גריכענלאַנד איז מעגליך געווען אַזאַ פאָלקס בעגייסטערונג, אַזאַ אויפריכטיגע מאַסען-התלהבות, ווי איך האָב בייגעוואוינט אין פּראָג בעת'ן אַלוועלטליכען „סאָקאָל"-קאָנגרעס.

די טשעכען זענען אַ וואונדערבאַר פאָלק, געבענשט מיט אַלע מעלות, האָבען זיי בעוויזען אין פערלויף פון זייער נאָך גאָר-יונגען תחית המתים צו פערפעסטיגען דעם נאַציאָנאַלען יסוד ביים פאָלק און צו הויבען דעם קולטורעלען מצב אויף איינע פון די העכסטע מדרגות.

די „סאָקאָל"-בעוועגונג איז געוועזען דער נאַציאָנאַלער און קולטורעלער יסוד פון איצטיגען טשעכיען זינט דעם יאָר 1861, ווען עס איז געשאַפען געוואָרען דער סאָקאָל איז געפלאַנצט געוואָרען דאָס קערענדעל פון טשעכיענס רענעסאַנס-בעוועגונג; איז דער „סאָקאָל" געוואָרען דער פּיאָנער פון אַ נייעם מאָרגען, דער בויער און אָנזאָגער פון אַ נייער תקופה.

דאָס פּראָגראַם פון דער מעכטיגער סאָקאָל-בעוועגונג איז די לעהרע פון טשעכיענס גרויסען אונשטערבליכען גייסטיגען פיהרער יאָהאַן היס: „פרייהייט, גלייכהייט, ברידערליכקייט, און ליבשאַפט פון יחיד צום כלל און פערקערט".

לכתחילה האָט דער „סאָקאָל" זיך בעשעפטיגט מיט ריין-ספּאָרטליכע און פיזיש-קולטורעלע איבונגען. אָבער אין אָט דעם פערשלייערטען ספּאָרט איז געווען בעהאַלטען דער קערן פון אַ שטאַרק-פערצווייגטער נאַציאָנאַלע בעוועגונג. דער „סאָקאָל" האָט פערשטאַנען די בעוועגונג צו פיהרען אין אַזאַ ריכטונג, וואָס זאָל געפינען אָנהענגער און סימפּאַטיקער ביי אַלע ריכטונגען פון דער בעפעלקערונג. די דאָזיגע טאַקטיק האָט, ווי מיר זעהען, פאָלקאָם זיך איינגעגעבען.

די „סאָקאָל" — אָרגאַניזאַציע, איז נאָך גאָר — יונג — אָבער די טראַדיציע איז אַן אַלטע, ווי אַלט עס איז די געשיכטע פון יאָהאַן היס, וועלכער איז פערברענט געוואָרען דעם 6-טען יולי אין יאָהר 1514 לויט'ן בעפעהל פון די דאַמאָלטיגע קאַטוילישע בישאָפען פאַר זיין מכלומרשטע אַפּיקורסות.

3 טעג האָט געדויערט דער גרויסער „סאָקאָל" יום-טוב. די אַלטע היסטאָרישע הויפּט-שטאָט פון טשעכיען האָט, זינט איהר ענטשטעהונג נאָך נישט איבערגעלעבט אַזאַ אונבעשרייבליכען יום-טוב. נאָך קיינמאָל האָט דאָס אַלטע פּראָג נישט געזעהען אַזוי פיל מענשען, אַזוי פיל קינדער, וואָס זאָלען אָנגעהערען צו איין און דער זעלבע משפּחה. דאָס איז געווען אַ שעהנע מאַניפעסטאַציע, דער בעסטער סימן פון אַ נישט-באַנקראָטירטער און נישט איבערגעלעבטער אידעע, (וואָס איז היינט אַזוי זעלטען...)

האָב איך ווי פיל אַנדערע מיטגעוואַנדערט מיט די „סאָקאָל"-דעמאָנסטראַציעס, בייגעוואוינט די פייערליכקייטען, געזעהען דעם אַלטיטשקען פרעזידענט מאַסאַריק נעבען יאָהאַן היס'עס דענקמאַל, ווי זיין פנים האָט געלאַכט און געוויינט פאַר שמחה, זעהענדיג מאַרשירען הונדערטער טויזענדער אָנהענגער פון היס'עס אידעע, — וואָס איז אויך דער אידעאַלער פּרינציפּ פון דער טשעכאָסלאָוואַקישער רעפּובליק.

אַ סך מאָל איז מיר אין געדאַנק דורכגעלאָפען דער זין פון אונזערע „חלוצים", וואָס אין תוך גענומען פערקערפּערען זיי — אידעאיש דעם „סאָקאָל".

אונזערע „חלוצים" זענען לעת-עתה פּיאָנערען פאַר ארץ-ישראל מיט זייער אַרבייט און שאַפען דאַרפען זיי רעפּרעזענטירען דאָס זעלבע וואָס די „סאָקאָלען-חלוצים" ביי אַנדערע פעלקער!

און אפשר...

ווער קאָן פּאָראויסזעהן, וואָס די געשיכטע פון יודישען פאָלק וועט אין דער צוקונפט אָנפערטרויען אונזערע „חלוצים סאָקאָלען"...

די אַפּאַטישע פעלקער
און זייערע האַפּערדיגע גובערנאַנטען.

פון דעפּ. דר. י. ראָזענבלאַט.

ווען מ'לייענט אין דער געשיכטע וועגען סאָציאַלע איבערקעהרענישען, דינאַסטישע רעוואָלוציעס, בונטען און אויפשטאַנדען געגען רעגירונגען, שטעלט מען זיך פאָר אין דער פאַנטאַזיע בלוטיגע קאַמפען פון אויפגערעגטע מאַסען, דערהיצטע געמיטער, טויזענדער און טויזענדער קרבנות, פערוויסטונגען און צושטערונגען, ביז די גאַנצע איבערקערעניש קומט צו אַן'אַפּשלוס-אַקט. אַזוי ווי ס'איז פאָרגעקומען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אין גרויסען אָדער אין קליינעם סטיל.

איבריגענס, מיט אַ יאָהר 8 צוריק האָבען מיר געזעהען אַן'עהנליכע אומוועלצונג פון גרויסען סטיל אין רוס לאַנד. היינט איז די וועלט אין אַלגעמיין בלאַסער געוואָרען. דער ענטוזיאַזם, די בעגייסטערונג איז פערשוואונדען. די אידעע איז פערוקט געוואָרען אויפ'ן לעצטען פלאַק, זי האָט זיך כמעט פול שטענדיג פערלוירען אין די געשעהענישען פון דאָזיגען מין שפילען זיך אָפּ גאַנץ איינפאַך, מעכאַניש, מ'קען זאָגען לויט אַ געוויסען שאַבלאָן. דאָס אינטערעסאַנטסטע אָבער דערביי איז, אַז די ברייטסטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, די דאָזיגע מאַסען, אין וועמענס נאָמען און פאַר וועלכע מכלומרש די אַלע איבערקערענישען ווערען געמאַכט, די זעלבע מאַסען פערהאַלטען זיך דערביי פולשטענדיג רוהיג און דיפירענט, ווי ס'וואָלט זיי גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

די פיהרענדע ראָלע אין מלוכה'שען לעבען אויף אַלע געביטען איז איבערגעגאַנגען צו די מיליטערישע פאַקטאָרען. דאָס פאָליטישע לעבען, וואָס נעהמט אַרום אייגענטליך אַלע געביטען, וואָס האָבען דעם גרעסטען אינטערעס פאַר'ן גאַנצען פאָלק, איז געוואָרען אַ ספּעציפיש אייגענטום פון דער אַרמיי, וועלכע רעגולירט די טעטיגקייט פונ'ם מלוכה-אָרגאַניזם לויט איהר ווילען און אַנזיכט.

אין אייראָפּע איז ערוואַכט צום לעבען דאָס אַלטע רוימישע פרעטאָריאַנערטום, וואָס איז, ווי ס'איז אַלעמען בעקאַנט, געווען דער וויכטיגסטער פאַקטאָר אין דער לעצטער עפּאָכע פון דער רוימישער אימפעריע. אָבער דאָס זעלבע פרעטאָריאַנערטום איז געווען אַן'ערשיינונג פון אונטערגאַנג, פונ'ם צעפאַלען פון דער געוואַלדיגער וועלט-מלוכה. ס'איז אייגענטליך געווען אַ סימפּטאָם פונ'ם אונטערגאַנג און האָט גלייכצייטיג געשפּילט די ראָלע פון אַ ווערקצייג פאַר דער רואינע, פאַר'ן צופאַלען.

די האַרץ-שוואַכע ביי אַ קראַנקען איז אַ פועל-יוצא פון זיין קראַנקהייט, זי אָבער גלייכצייטיג דעם וויכטיגסטען מאָמענט, וואָס פיהרט צום טויט דעם לעבעדיגען אָרגאַניזם. ווען מ'געהט אונטערזוכען די מערקווירדיגע ערשיינונג, וועגען וועלכער מיר האָבען אויבען גערעדט, און וועלכע דריקט זיך אויס אינ'ם פאַסיווען פערהאַלטען זיך פון די פעלקער גופא צו די עקספּערימענטען, וואָס ווערען געמאַכט אויף זייער קערפּער, קען מען נישט געפונען קיין אַנדערע ערקלערונג, ווי די אַלגעמיינע אַפּאַטיע, וואָס הערשט איצט ביי די מאַסען. און די אַפּאַטיע איז אַ נאַטירליכער פועל-יוצא פון אונגעהויערער נערווען-שאַנונג, וואָס האָט געהערשט אין די לאַנגע יאָהרען פון קריג און פון דער מידקייט, וואָס איז איצט איינגעטרעטען. דאָס איז אַ נאַטירליכער פיזיאָלאָגישער געזעץ.

די ענערגיע-לאָזיגקייט איז אַ רעזולטאַט פון פערלוסט פון אונגעהויערע מאַסען ענערגיע, וועלכע די אייראָפּעאישע פעלקער האָבען פערשוועגדעט אין די אונגעהויערע קאַמפען בעת דער וועלט-מלחמה. אַ בלאַסער, אַנעמישער אָפּגעשוואַכטער בלוט-לאָזער אָרגאַניזם איז אונמעכטיג; ער איז נישט פעהיג צו גרויסע טאַטען און איז גלייכגילטיג צו דעם, וואָס ס'געשעהט אַרום איהם, ווייל ער איז נישט בכוח צו רעאַגירען אויף די דאָזיגע ערשיינונגען.

אָט דער דאָזיגער צושטאַנד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער היינטיגער וועלט און ער קלערט-אויף דאָס אַלץ, וואָס איז אייגענטליך אונפערשטענדליך אויפ'ן ערשטען אויגענבליק. ער קלערט אויף, פאַרוואָס אַ לעבעדיגער אָרגאַניזם טראָגט איבער געדולדיג, אָהן פּראָטעסט די שמערצליכע וויוויסעקציעס, וואָס ווערען אויף איהם געמאַכט. ס'אי גלייכגילטיג ווער ס'מאַכט די עקספּערימענטען, צי הייסט דער עקספּערימענטאַטאָר מוסאָליני, פרימאָ דע ריווערא, פאַנגאַלאָס, דאַ קאָסטאַ, אָדער צי ער טראָגט אַ היימישען נאָמען.

דער געמיינזאַמער שטאַנדפּונקט, די די געמיינזאַמע אידעאָלאָגיע איז, אַז די פעלקער זענען קינדער, אונערוואַקסענע שלעכט-ערצויגענע קינדער, וועלכע פערשטעהען נישט, ווי אַזוי זיך אויפצופיהרען און ווי אַזוי זיך איינצוריכטען, און דערפאַר מוזען זיי האָבען גובערנאַנטען, וואָס זאָלען די קינדער בעוואַכען, פאַר זיי דענקען, פאַר זיי טון און ווירקען. קורץ - די פעלקער טאָר מען נישט איבערלאָזען אויף זייער אייגענעם בעראָט, ווייל זיי קענען נאָך נישט זיך צו בעגעהן מיט דער פרייהייט און דערפאַר מוזען זיי פאָלגען אַלע אָנווייזונגען פון זייער'ע לעהרער און ערציהער. דאָס איז אונגעפעהר די דענקונגס-אַרט פון די דיקטאַטאָרישע מוחות, וועלכע בעזיצען דעם סוד גליקליך צו מאַכען די מענשהייט. מיט דער צייט, נאָך דעם ערשטען רויש, הויבען אָן די דאָזיגע מענשען איינצוזעהען, אַז זיי זענען אויך נישט קיין קינצענמאַכער, און הויבען אָן צוריקצוקערען צו די דאָזיגע מעטאָדען, וואָס יי האָבען בעטראַכט פאַר שעדליך און וואָס זיי האָבען געוואָלט בעזייטיגען.

אין דער דאָזיגער הינזיכט זענען זעהר כאַראַקטעריסטיש און בעלערנענד די איטאַליענישע צושטאַנדען. דער ערשטער ענטוזיאַזם איז פערשוואונדען און די ווירקליכקייט, די ניכטערע ווירקליכקייט, זעהט אויס אַזוי, אַז דער איטאַליענישער ליר פאַלט, אַז די פאַבריקען בעגרעניצען זייער אַרבייטס-צייט און מ'מוז אָנקומען צו אַזעלכע שטאַרקע מיטלען, ווי פערווערען אריינצופיהרען געוויסע סחורות, צו בויען לוקסוס-הייזער, בעגרעניצען עפענטליכע פערוויילונגען א.א.וו.

די עפענטליכע מיינונג לאָזט זיך אָבער נישט פערבלענדען אויף אַ לאַנגע דיסטאַנץ מיט פייערווערקען און דאַן מוז מען זוכען שטאַרקערע מיטלען אָפּצולענקען די אויפמערקזאַמקייט פון דער אינערליכער לאַגע אינם לאַנד גופא. מ'מוז טראַכטען איבער מיטלען, כדי נישט לאָזען אויפצופלאַמען די אונצופרידענהייט מיט די עקזיסטירענדע פערהעלטנישען. אין דאַן מוז מען איבערטרעטען דעם אויסגעטאָפּטשעטען וועג פון אַוואַנטוריסטישע אונטערנעהמונגען, און דער וועג הייסט אימפעריאַליזם.

די היינטיגע מאַכט-האָבער פון רוים זענען געצוואונגען צו פאָהרען קיין אַפריקע, כדי צו בערוהיגען איטאַליען און אין אַפריקע וויקלען זיי אויף דעם גאָלדענעם שטאַנדאַרט פונם אַלטען רוימישען וועלט-אימפעריאַליזם. און פּלוצלונג שטעלט זיך אַרויס, אַז כדי צו בעגליקען דאָס איטאַליענישע פאָלק מיט פרייהייט און גלאַנץ, מוז מען אונטערגראָבען די פרייהייט און זעלבסטשטענדיגקייט פונם אַביסינישען פאָלק.

און דאָ הויבט זיך אָן אַ האַנדעל, אַ פּשוט'ער סוחרישער האַנדעל מיט ענגלאַנד און מ'קומט דורך צווישען זיך אויף וועלכען אופן אַמבעסטען צושניידען דעם לעבעדיגען גוף פון אַן'אומשולדיגען האַלב-ציוויליזירטען פאָלק, וואָס זיין גאַנצע עבירה בעשטעהט אין דעם, וואָס ס'האָט נאָך צו וועהניג ביקסען, האַרמאַטען און אַעראָפּלאַנען.

און די וועלט איז אַזוי אַפּאַטיש און דאָס אייגען-פאָלק איז אַזוי אינדיפערענט צו די זאַכען, וואָס וועלען קאָסטען זיין בלוט און האָב און גוטס, אַז מ'לייענט גאַנץ רוהיג אין דער פריה ביי דעם גלאָז קאַווע די קורצע צייטונגס-נאַכריכטען, אַז איטאַליען און ענגלאַנד האָבען צווישען זיך געשלאָסען אַן'אָפּמאַך „וועגען דעם איינפלוס אין „אַביסיניען".

דער פּשוט'ער לעזער פערשטעהט ווירקליך נישט דעם צוזאַמענהאַנג צווישען פאַשיזם און אַביסיניען. ס'וואָלט טאַקי געווען שווער צו פערשטעהן, ווען מ'וואָלט נישט געוואוסט, אַז אַלע אונגאַטירליכע פּראָצעסען זענען געצוואונגען צו זוכען אוננאַטירליכע אויסגאַנגען.

אייראָפּע געהט צו גרונד, ווייל אַנשטאָט צו זוכען נייע וועגען צום מענשליכען פאָרטשריט, אַנשטאָט צו שאַפען נייע אידעאַלען, פאַר'ן מענשליכען גייסט זוכט עס אויס אין די פערשטויבטע און פערשימעלטע קאַמערען אַלטע, כמעט פערגעסענע און אונטויגליכע מיטלען און גלויבט, אַז דווקא זיי, אָט די מיטלען וועלען בעלעבען דעם אַנעמישען קערפּער און אַריינגיסען פריש בלוט אין די בלוטלאָזע אָדערען.

„אַזאַזעל"-רעפּערטואַר.

שימי-כמו.

מוזיק פון ה. כאָז. ווערטער פון אַל-נע.

געזונגען פון לילית און נאַדיס.

א, קאַראַליינע,
מאַך שוין די פיינע מינע,
פוילען איז א מדינה
וואו נאר דער שימי נעהמט;
א טעכטער יודישע,
זאל אייך נישט חידוש'ן,
ווען מ'צאהלט דעם שייער מיט'ן לעצטען העמד. —

רעפריין:

עס איז איינס,
ס'איז צוויי.
ס'איז אך און וועה;
און טאנצען ווילט זיך אוי-וועה און טא-רא-רא!
עס איז איינס,
ס'איז צוויי,
ס'איז אך-און-וועה,
לעכערדיגע קעשענעס און חשק — א ים!
עס איז איינס,
ס'איז צוויי,
ס'איז אך-און-וועה
הוליע קבצן, הוליע, צום גראַם!

א, פעטער שמעון,
דאס איז א גוטער סימן,
געהסטו שוין טאנצען שימי, —
איז דיר אויף זיכער וואויל;
פערמאכט דאס קליי־טעלע,
געמאכט א פליסה'לע, —
געהט א קבצן טאנצען שימי — נאקעט, הויל. —

רעפריין:

עס איז איינס, ס'איז צוויי, א. אז. וו.

א, חיה-הינדע,
ס'טאנצען שוין קינפעט-קינדער,
זעה נאר: עס געהט א שווינדעל —
ס'טאנצט שוין די באבע אויך!
א, טייער באבעלע,
זאלסט חס-ושנאבעלע,
נישט אויפהויבען ס'קליידעלע צו הויך!

רעפריין:

עס איז איינס, ס'איז צוויי, א. אז. וו.

יוליוס אדלער / צו זיין ערשטען אויפטריט אין לאָדז.

מאָרגען וועט דאָס לאָדזשער פובליקום האָבען די געלעגענהייט צו בעגריסען איינעם פון זיינע בעליבטעסטע און געאַכטעטסטע קינסטלער, דעם טאַלאַנטפולען, בעריהמטען ארטיסט יוליוס אַדלער פון אַמעריקאַ.

דער געעהרטער גאַסט, וועלכער איז אָהן א ספק דער שוישפילער, וואָס האָט מיט רעכט פערדינט דעם נאָמען ליבלינג פון לאָדזער פובליקום, האָט אין לאָדז א קלינגענדיגען רוף און עס איז איבעריג איהם צו רעקאָמענדירען; רעקלאַמירען דאַרף מען דעם גאַסט אוודאי נישט. יעדער לאָדזער טעאַטער-בעזוכער האָט יוליוס אדלער'ן נישט איינמאָל געזעהן און נישט איינמאָל געהאָט די מעגליכקייט צו בעוואונדערן זיינע עכטע קינסטלערישע קרעאַציעס און די עכטע אַרטיסטישע טיפּען און געשטאַלטען, וואָס ער האָט געשאַפען. דער חשוב'ער גאַסט איז אַ רייה יאָהרען געשטאַנען אָן דער שפּיץ פון לאָדזער יודישען טעאַטער און האָט געווירקט אין אונזער שטאָט נישט בלויז אַלס דירעקטאָר מיט איניציאַטיווע, ענערגיע און אַרטיסטישער קולטור, נאָר איז כסדר אויך אויפגעטראָטען אַלס שוישפילער און בעקומען אַ זעהר פּאָפּולערן נאָמען אַלס איינער פון די בעסטע קינסטלער אין דער יודישער אַרטיסטישער משפּחה.

עס איז דערום איבעריג צו רעדען דאָ וועגען יוליוס אַדלער אַלס דירעקטאָר און קינסטלער, נאָר ווען עס איז יאָ כדאי צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער צו זיין ערשטען גאַסטראָל אין אונזער שטאָט, איז עס וועגען זיין טעטיגקייט אין די לעצטע יאָהרען או וועגען דעם שטיק, וואָס ער האָט אויסגעקליבען צו זיין ערשטען אויפטריט.

יוליוס אַדלער האָט אין די לעצטע יאָהרען געווירקט אַלס קינסטלער אין אַמעריקאַ. דאָרט האָט ער אַוועקגעוואָרפען די דירעקטאָרשאַפט און זיך אינגאַנצען אָבגעגעבען דעם אַרטיסטישען שאַפען. דאָס כאַראַקטעריסטישע איז געווען ביים גאַסט אין די לעצטע יאָהרען, וואָס ער האָט אויסגעטוישט דעם סטאַר-סיסטעם אויף אַ שטילע קינסטלערישע טעטיגקייט און פאָרגעצויגען אין שוואַרץ'ס קונסט-טעאַטער צו שפּילען אַנסאַמבעל-ראָלען, איידער אין קלענערע טעאַטערן אויפצוטרעטען אַלס סטאַר. און דאָס דאָס דאַרף געזאָגט ווערען צום שבח פונ'ם געשעצטען גאַסט. ער האָט דערמיט פיל טיפער אויפגעפאַסט די אויפגאַבע פונ'ם אַרטיסט.

ה' אַדלער האָט שטענדיג אייגענטליך געשטרעבט צו אַ בעסערען רעפּערטואַר און פלעגט פון צייט צו צייט אויך אויפפיהרען קלאַסישע אין מאָדערנע אייראָפּעאישע. פּיעסען דאָס איז אָבער ביי איהם דאַן נישט געווען קיין סיסטעם, נאָר אַ צופעליגקייט און אין די אומשטענדען, אין וועלכע איהם איז אויסגעקומען צו אַרבייטען, איז עס אויך געווען פאַקטיש אַ ביסעל שווער קינסטלעריש צו זיין טעטיג לויט אַ גענוי אָנגעצייכענטען פּלאַן אין אַמעריקאַ, וואו די טעאַטער-מעגליכקייטען זענען בעסערע און די בעדינגונגען גינסטיגערע, האָט ער זיך אויסגעלערנט צו אַרבייטען הויפּטזעכליך אַלס קינסטלער און נישט אַלס דירעקטאָר און דאַן אויך בעגריפען, אַז אַן'אמת'ער קינסטלער, אַ שאַפענדער אַרטיסט מוז זיין שוישפּילערישע טעטיגקייט פיהרען לויט אַ געוויסען סיסטעם, אויף אַ געוויסער קינסטלערישער ליניע. די איינציגע יאָהר אַרטיסטישער טעטיגקייט אין ניו-יאָרקער קונסט-טעאַטער האָט דעם גאַסט זעהר פיל נוצען געבראַכט און פאַר'ן לאָדזער פובליקום וועט זיך איצט פאָרשטעלען אַ חוץ אַ שוישפילער מיט אַ בראַזענדען טעמפּעראַמענט, מיט אַן' איינגעבוירענעם גרויסען טאַלענט, מיט אַ ברייטען אַרטיסטישען פערנעהם — אויך אַ קינסטלער, וועלכער ווייסט, וואָס ער וויל!

ה' יוליוס אַדלער איז היינט אַ חוץ דער אַרטיסט מיט די אַמאָליגע גרויסע מעלות דער צילבעוואוסטער קינסטלער, דער שוישפילער, וואָס געהט מיט פעסטע און זיכערע שריט אויף אַ קונסט-וועג.

דאָס האָט אונז אויך ה' יוליוס אַדלער בעוויזען מיט זיין ערשטען אויפטריט, צו וועלכען ער האָט אויסגעקליבען ערנסט טאָלער'ס שטיק „הינקעמאַן".

ערנסט טאָלער איז אַ דייטשער דראַמאַטורג. ער פערנעמט זעהר אַ בעדייטענדען אָרט אין דייטשלאַנד, נאָר זיין נאָמען קלינגט ווייט איבער די דייטשע גרעניצען. ער איז בעריהמט אויף דער גאַנצער וועלט און זיינע סאָציאַלע דראַמען האָבען אומעטום געמאַכט זעהר אַ טיפען רושם. בעזונדערס האָט ער זיך קונה-שם געווען מיט זיינע דראַמען „דער מאַסען-מענש" און „הינקעמאַן", אין וועלכע ער האָט פאַר אונז מיט אַ מעכטיגער קינסטלערישער קראַפט אויפגעדעקט אַלע סאָציאַלע וואונדען און אינדיווידועלע טראַגעדיעס, וואָס זענען ענטשטאַנען אין דער געזעלשאַפט נאָכ'ן וועלט-קריג.

אין „הינקעמאַן" ווערט בעהאַנדעלט אַ טיף-מענשליך פּראָבלעם און עס ווערט פונאַנדערגעוויקעלט פאַר אונזערע אויגען אַ ריהרענדע טראַגעדיע פון אַ שטאַרקער אינדיווידועלער פערזענליכקייט.

„הינקעמאַן" איז אויך אַ סצעניש שטאַרקע פּיעסע און פערמאָגט אַלע מעלות פון אַ טעאַטער שטיק, וואָס ווירקט מעכטיג אויפ'ן צושויער, רייסט איהם מיט און מאַכט איהם איבערלעבען די גאַנצע גרויזאַמע טראַגעדיע.

יוליוס אַדלער'ס אויסוואַהל פון „הינקעמאַן" צו זיין ערשטען גאַסטראָל אין לאָדז רעקאָמענדירט דעם געעהרטען גאַסט פון דער בעסטער זייט און אויך דאָס בעסערע, אינטעליגענטערע פובליקום וועט אַזוי אַרום האָבען די געלעגענהייט איהם צו בעגריסען צו זיין ערשטען אויפטריט!

ל. ה.

Dr. med. H. LUBICZ
צעגעלניאַנאַ 43, טעל. 41-32.
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און מענער-שוואַכע קראַנקהייטען. 1899
היילונג מיט קוואַרץ-לאַמפען (האָר-אויספאַל).
נעמט אָן פון 9—11 און פון 5—8 אָוונט.

פּאָליטישע אַטענטאַטען

געשפּרעך פון „נייעם פאָלקסבלאַט" מיט ד"ר לייב לאַנדוי.

ווי מיר האָבן שוין געמאָלדען, האָט אין לאָדז געווײַלט דער בעריהמטער יודישער אַדוואָקאַט, דער פערטיידיגער פון שטייגער'ן, ד"ר לייב לאַנדוי.

אונזער מיטאַרבייטער, וועלכער איז אין משך פון 10 וואָכען געווען אין לעמבערג אויפ'ן שטייגער-פּראָצעס און טאָג-טעגליך זיך געזעהן מיט'ן ד"ר לאַנדוי, האָט אין לאָדז פערבראַכט עטליכע שעה'ן מיט'ן חשוב'ן גאַסט און מיט איהם געשמועסט איבער אַ רייה ענינים, וועלכע אינטערעסירען איצט די יודישע עפענטליכקייט.

ווילענדיג-נישט-ווילענדיג, איז די ערשטע פראַגע אין געשפּרעך געווען — שטייגער.

ד"ר לאַנדוי האָט מיט זיין שטענדיגער גוטמוטיגקייט און האַרציגער שפּראַך געענטפערט:

מיין ליבער פריינד, האָט אויף מיר רחמנות און לאָזט שוין אָפּ אָט די פערשלעפּטע קרענק. איך דאַנק גאָט, אַז איך האָב דאָס שוין כמעט פערגעסען. נאָר אויב ס'גהעט אייך דערין: דער בחור וואוינט שוין צוריק אין לעמבערג. ענדליך איז ער געצוואונגען געווען צו טון דאָס, וואָס איך האָב איהם געראַטען אַ שעה נאָך דער בעפרייאונג. איך האָב איהם דאַן געזאָגט: פאַניע שטייגער, געהט תיכף צוריק צו אייער ארביים און בעמיהט אייך נישט ווייטער צו זיין אַ העלד, וואָס איהר זענט, אגב קיינמאָל נישט געווען. איבריגענס — האָב איך איהם געזאָגט — מאַכט נישט פון זיך קיין לץ אין לאָזט-אָפּ מיט'ן דולען דער וועלט א ספּאָדעק מיט אייערע „כרוגות" און מעמוארען. ער האָט מיך נישט געפאָלגט, און איז אין זיין גרויסקייט-שגעון דערגאַנגען צו נאַרישקייט: זיך געדרייט אין וואַרשע צווישען ליטעראַטען, געוואָלט, נישט אַנדערש, ווי אַן'אויריענץ ביים מלוכה-פּרעזידענט, געוואָלט זיין אויף אַ זיצונג פון יודישען סיים-קאָלאָ, און — אומעטום געהאַט אַ דורכפאַל. דאָס לעבען גופא קען מען אָבער נישט בלאָפען. איז ער פון אומעטום אויסגעלאַכט-געוואָרען, די „מעמוארען" זיינע, וועלכע עמיץ האָט פאַר איהם געשריבען, זענען אפילו נישט פערענדיגט-געוואָרען און — ס'האָט זיך געענדיגט די נודנע קאָמעדיע. —

מיר זענען איבערגעגאַנגען צו רעדען מיט'ן ד"ר לאַנדוי וועגען דעם באַרמאַט פּראָצעס, אויף וועלכען ער וועט אַרויסטרעטען אין בערלין אַלס פערטיידיגער.

ד"ר לאַנדוי האָט אונז ערקלערט, אַז הגם די בערלינער געריכט-מאַכט האָט נאָך נישט בעשלאָסען, צי מ'וועט צולאָזען אַן'אויסלענדישען אַדוואָקאַט, זענען אָבער פאַראַן אַלע האָפנונגען, אַז די געריכט-מאַכט וועט דאָס ערלויבען. צו דעם צוועק איז שוין ד"ר לאַנדוי געווען אין בערלין, און — ביז צום פּראָצעס, וועלכער וועט פאָרקומען אין דעצעמבער אָדער יאַנואַר, וועט שוין די פראַגע זיין ענטגילטיג בעשלאָסען.

ד"ר לאַנדוי האָט אונז איבערגעגעבען אַ רייע העכסט-סענסאַציאָנעלע פּרטים פון דער באַרמאַט-פראַגע. ווי-אַזוי ער וועט אויפ'ן פּראָצעס אויפדעקען דעם גאַנצען אַנטיסעמיטישען פּלאָנטער, וועלכער האָט פעראורזאַכט דעם באַרמאַט-סקאַנדאַל, ווי ער האָט מאַטעריאַלען און דאָקומענטען, וועלכע בעווייזען, אַז אין דער בעשולדיגונג געגען די לאָדזשער יודישע ברידער באַרמאַט, זענען פערמישט הויכע, אויב נישט די העכסטע פערזענליכקייטען פון דייטשלאַנד.

אָבער — דער חשוב'ער אַדוואָקאַט האָט אונז געבעטען מיט אָט-די מאַטעריאַלען נאָך אָפּצוואַרטען א שטיקעל צייט כדי דערמיט נישט צו שאַדען דער זאַך גופא. —

אין גאַנג פון געשפּרעך האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף דער לעצטענס אַזוי אַקטועלער פראַגע פון פּאָליטישע מאָרדען אין בעזונדערס אויף דעם ענין פּעטליוראַ — שוואַרצבאַרד.

ד"ר לאַנדוי האָט וועגען דעם געזאָגט:

— איך בין געגען מאָרדען. איך האַלט, אַז פּאָליטישע מאָרדען פיהרען קיינמאָל נישט צום ציל. אויף אויסצודריקען פּראָטעסטען זענען פאַראַן פערשידענע אַנדערע מיטלען, וועלכע ווירקען אָפטמאָל מעהר און שטאַרקער.

אויך אין פאַל פּעטליוראַ, קען איך דעם מאָרד נישט בערעכטיגען. איך קען אָבער פערשטעהן און בעגרייפען, וואָסערע סיבות ס'האָבען בעוואויגען שוואַרצבאַרד'ן אויסצופיהרען זיין טאַט.

אַנדערש איז די פראַגע מיט ענגעל, באַטווין און שלענצקי. זיי האָבען אויסגעפיהרט די מאָרד-אַקטען אין נאָמען פון אַ פּאַרטיי און אויף איהר בעפעהל. אין אַנדערש איז מיט שוואַרצבאַרד'ן. ווי ער זאָל נישט האָבען מיט זיין אַקט אויסגעדריקט דעם צער און צאָרן פון די געפייניגטע אוקראַינער יודען, — איז אָבער זיין טאַט דאָך געווען אַן'אינדיווידועלע. קיינער האָט איהם נישט געהייסען אין נישט בעפוילען צו שיסען.

אין דעריבער האַלט איך — זאָגט ד"ר לאַנדוי — אַז דאָס נעהמען איצט און מאַכען פון שוואַרצבאַרד'ס שאָס אַ נאַציאָנאַלען אַקט, איז ווייט נישט בערעכטיגט. דאָס וועט זיין אַן'אַרבייט פאַר דער פערטיידיגונג, וועלכע וועט זיכער אָנווענדען אַלע מיטלען און אויסנוצען אַלע מאַטעריאַלען, וועלכע רעדען לטובת שוואַרצבאַרד'ן.

דער פאַל מיט פּעטליוראַ'ס ערמאָר-

דער סוף פון דער שטיינעריאָדע. — באַטווין, ענגעל, שלענצקי, שוואַרצבארד.

דונג האָט בעדייטענד פערערגערט די יודיש-אוקראַינישע בעציהונגען אין מזרח-גאַליציען. אין קאָנגרעס-פּוילען פיהלט מען עס נישט אַזוי. אָבער אין מזרח-גאַליציען, וואו מ'טרעפט זיך מיט די אוקראַינער טאָג-טעגליך בעשוועהרט עס זעהר שטאַרק דאָס נויטיגע צוזאַמענלעבען.

אָנגעהויבען האָט זיך דאָס פערערגערען פון די בעציהונגען נאָך פון ד"ר רייכ'ס „אוגאָדע". אָבער אינגאַנצען איבערגעריסען די יודיש-אוקראַינישע פערהעלטנישען האָט דער פּעטליורא-מאָרד.

מ'דאַרף אויך געדענקען, אַז די אוקראַינער אין מזרח-גאַליציען נעהמען נישט אַן שוץ פּעטליוראַ'ן. דאָס איז מיר געלונגען פעסטצושטעלען דורך אַ רייהע געשפּרעכען מיט אָנגעזעהענע אוקראַינישע פיהרער. אָבער ס'איז פאָרט פאַרהאַן אַ נאַציאָנאַלער מאָמענט.

די אוקראַינער זענען געטראָפען דערפון, וואָס אין געוויסע קרייזען, ווען מ'רעדט וועגען פּעטליוראַ'ן און זיינע פּאָגראָמען, טייטעלט מען צופיל מיט'ן פינגער אויפ'ן אוקראַינישען פאָלק בכלל.

מיר פרעגען: וואָסער שטראָף ערוואַרט שוואַרצבאַרד'ן, לויט אייער מיינונג?

— שוואַרצבאַרד וועט שטעהן פאַר אַ געריכט פון געשוואוירענע. ביי אַ געריכט פון געשוואוירענע זענען נישט פאַראַן קיין שום געזעצען. אין דעם פאַל רעדען נישט קיין פּאַראַגראַפען, נאָר דאָס געוויסען. די פשוט'ע פּאַריזער בירגער, וועלכע וועלען משפּט'ן שוואַרצבאַרד'ן, וועט זיין גאַנץ לייכט זיך פאָנאַנדערצוקלויבען אין דער טראַגעדיע פון דעם אוקראַינער יודענטום, וועמענס אויסדרוק ס'איז געווען שוואַרצבאַרד, און, זיי וועלען אַרויסגעבען אַ בעפרייאונגס-אורטייל. איך גלויב שטאַרק אינ'ם געוויסען פון מענשען. דעריבער גלויב איך אויך, אַז שוואַרצבאַרד וועט בעפרייט-ווערען.

אָבער — לאָמיר נישט וועלען ב'גוואַלד זיך שאַפען נאַציאָנאַלע „העלדען". ס'איז געשעהן. שוואַרצבאַרד האָט ערמאָרדעט פּעטליוראַ'ן און איצט דאַרף מען איבערלאָזען די אַרבייט דער פערטיידיגונג אין דעם געוויסען פון די געשוואוירענע ריכטער.

אַגב וועגען דעם מענשליכען געוויסען, איך האָב אויף דעם געביט אַ סך ערפאַהרונגען און איך וועל אייך דערצעהלען זעהר אַן'אינטערעסאַנטע, ממש שפּאַנענדע געשיכטע וועגען אַן'אַכזוריות'דיגען מאָרד פון אַ יודישער פאַמיליע פון 9 פערזאָן און ווי דער מערדער האָט זיך נאָך 6 יאָהר אַליין איבערגעגעבען אין די הענד פון דער פּאָליציי.

מיר וועלען וועגען דעם שרייבען בעזונדער.

עלב.

רעקלאַמע-וואָך!

צוליב'ן פאַלען פון דאָלאַר, האָב איך פערקלענערט די פּרייזען אויף אַלע אַרטיקלען, ווי: פוטער, טואַלעט-זייפען, קעלנישע וואַסער'ן, פּערפומען, ווי אויך אויף אַלע קאָסמעטישע אַרטיקלען. בעזונדערס מיין געשעפט און די גענוי אויסגעשטעלטע פּרייזען פון מיין שויפענסטער איז אַהן קויף צוואַנג.

רעכעלט ביליגער, ווי איבעראַל!

מיט אַכטונג י. דרוקער, זאַוואַדזקאַ 11.

די חסידישע ישובים

פון ר' בנימין.

שוין באַלד אַ יאָהר, זייט די רביים פון יאַבלאָנאַ און קאָזשעניץ מיט זייערע חסידים זענען אַרויף אויף זייער באָדען אין „נחלת-יעקב" און „עבודת-ישראל" און האָבען געלעגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייעם אויפטו אין אונזער ארץ-ישראל'דיגען ישוב: די חסידישע אַגריקולטורעלע קאָלאָניזאַציע.

פון די טיפענישען האָט די דאָזיגע בעוועגונג אַרויסגעשפּראָצט און געוואַקסען. יאָהרען לאַנג זענען די קרייזען געשטאַנען פון ווייטענס פון דער אויפלעבונגס בעוועגונג און האָבען זיך נישט דערנעהנטערט צו דער מחנה פון אונזערע בויער, און גאַנץ פּלוצלונג האָבען זיי אויפגעוואַכט, האָבען אונטער זיך פערברענט אַלע בריקען און האָבען נאָכגעפאָלגט אונזערע יונגע רביים אום צו פערוואַנדלען זומפּיגען באָדען אין אַ בליהענדען ישוב.

זייט דעמאָלט האָבען זיי דורכגעלעבט זייער שווערע מאָמענטען, און זענען געפּרובט געוואָרען מיט פערשידענע פּרובען, אָבער — זיי זענען בייגעשטאַנען דעם נסיון, די פינאַנציעלע מיטלען זענען אויסגעשעפּט געוואָרען, אָבער דער קוואַל פון בעגייסטערונג האָט נישט אויף צו שטראָמען. עס זענען שוין געווען טעג, ווען ס'איז נישט געווען קיין ביסען ברויט אין הויז, אָבער עס האָבען נישט פּאַסירט קיין טעג, ווען ניגסטענס מצד דעם גרעסטען טייל פון די חסידים, ווען מען זאָל נישט אַרבייטען אין פעלד. פון בעשעפטיגען זיך מיט פוסטע און רעזולטאַטלאָזע קריטיק, מיט טענות און מחלוקת — ווייסט מען דאָרט נישט.

דער גרעסטער און איבערוויגענדער טייל פון זיי איז אַזוי ווי דעמאָלס אויך איצט אייזען - שטאַרק, און אַזוי ווי די מענער זענען אויך די פרויען און די קינדער.

אַ מחנה, וואָס אַרבייט! — וואָס פאַר אַ מעטאַרמאָפאָזע! וואָס פאַר אַ שעהן און גלענצענד בילד! מענשען אין-דייאָהרען, וואָס פון זייער סאַמע יוגענד זענען זיי געוואַקסען, זיך ערצויגען און איינגעוואוינט אין גאַנץ אַנדערע בעגריפען, אַנדערע פרנסות, אַנדערע לעבענס-פאָרמען און געוואוינהייטען, האָבען אין איין שהנעם פריהמאָרגען גענומען און צובראָכען, רואינירט אַלץ; אפילו, זיך זעלבסט און זייער לעבען אין זענען אַוועק אַרבייטען.

שווערע אומאָנגענעמליכקייטען האָבען די דאָזיגע קאָלאָניעס שוין איבערגעלעבט. דער עקאָנאָמישער קריזיס אין פּוילען האָט זיין שטעמפּעל געלייגט אויך אויף די פּוילישע יודען. זענען דאָך די דאָזיגע קאָלאָניעס לכתחילה, געגרינדעט געוואָרען דערהויפּט אויף דעם פונדאַמענט פון פּריוואַט-אייגענטום, אויף דעם פּריוואַטליכען פערמעגען, וועלכען מען האָט געדענקט דאָ צו אינוועסטירען, און בלויז די גאָר אָרימסטע האָבען געבעטען און אויך בעקומען די הילף פון נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל, דורך דעם „קרן-קימת" און דעם „קרן-היסוד".

אָבער דער חורבן-פּוילען האָט אויך רואינירט די פערמעגליכע צווישען די דאָזיגע חסידים, און איצט איז דאָס רעדעל אומגעדרעהט: די יעניגע, וועלכע האָבען אין סאַמע אָנפאַנג נישט גענוג אייגענע מיטלען צו קאָלאָניזירען זיך, האָבען זיך געשטיצט אויף דער הילף פונ'ם קרן-קימת-לישראל און זענען טאַקי קאָלאָניזירט אויף דעם נאַציאָנאַלען באָדען, זענען איצט רוהיג און צופרידען מיט זייער שיקזאַל; דאַגעגען, אָבער, דוקא די יעניגע, וועלכע זענען דעמאָלס געווען פערמעגליכע, האָבען נישט געבעטען און נישט ערוואַרטעט קיין ווייטיגע שטיצע, — זיי זענען איצט מאַטעריעל אַזוי רואינירט געוואָרען אַלס רעזולטאַט פון די עקאָנאָמישע געשעהענישען, אַז זיי געפינען זיך איצט אין אַ שווערען צושטאַנד, און זייער גאַנצע האָפנונג לעגען זיי אויף די נאַציאָנאַלע פאָנדען („קרן-קימת" און „קרן-היסוד") וועלכע בעטראַכטען טאַקי איצט פּלענער, ווי אַזוי צו העלפען די מענשען, זיי זאָלען זיך קענען איינוואָרצלען און בעפעסטיגען אויף זייער באָדען.

אָט דאָס איז דער קריזיס פון וועלכען עס ליידט איצט אונזערע אַגריקולטורעלע קאָלאָניזאַציע בכלל און די חסידישע קאָלאָניעס בפרט. אָבער איז דאָס ווירקליך אַ קריזיס? — איך גלויב, אַז נישט! דאָס איז בלויז אַן'איבערגאַנגס-פּעריאָד.

כל זמן אַזעלכע ווערק אויף דעם יודישען באָדען געפינען זיך אין דער פאַזע פון שאַפונג, אינ'ם פּראָצעס פון ווערען, איז נישט צו רעדען וועגען אַ קריזיס. אַלע פעלקער און אַלע מענשען לעבען איבער שווערע מאָמענטען. אָבער, — די גרויסקייט און ערהאַבענקייט פון דער נשמה קומט צום אויסדרוק דוקא אין אַזעלכע מאָמענטען.

די חסידישע קאָלאָניעס האָבען שוין בעוויזען, וואָס זיי זענען פאַר אונזער פאָלק און די פאָנדען פון אונזער פאָלק ווייזען, אַז זיי ווייסען ווי אַזוי ריכטיג צו שעצען יעדע ריכטיגע אַקציע, וועלכע איז אַ שטאָלץ פאַר איהרע דורכפיהרער און שטאָלץ פאַר'ן גאַנצען יודישען פאָלק.

די צוקונפט פון די חסידישע קאָלאָניעס אין ארץ-ישראל איז אַ געזיכערטע. דער וואָס וויל לעבען און פערבינד זיך מיט'ן לעבען, דער וועט לעבען! —

Dr. med. Rózaner

ספּעציאַל-אַרצט פאַר העַוט, ווענעריש און האַוט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-לאַמפּ-זונגע.

9 דזיעלנא 9,

1-טער שטאָק. טעלעפאָן 28-98

נעמט אָן פון 8—10 און פון 5—8.

Dr. med. I. WAJNBERG

Cegielniana 47 tel. 26-02

אונגע-לונגע קראַנקהייט. ספּעצ. לונגען און האַרץ-קראַנקהייטען בעשטראַהלונגען מיט קינסטליכע בערג-זון.

נעמט אָן פון 3—5 נאָכמיטאָג. 1312

Dr. L. LEWITAN

נעהמט אָן אין דערהיים פון 4 ביז 6 אָוונד צו קליניק-פּרייזען.

31 גדאַנסקאַ 31,

סאַראַכאַרעו

לייטהאַנד (אויף גומי-זוילען)

סאַנדאַלען פון 350 אַ פּאַר

עמפּפעהלט די סאַנדאַלען-פאַבריק

אַנדראַרואַ 2 (עק נאָוואָמיעסקאַ)

Paryski Zakład Fotograficzny

wł. H. SROKA, Brzezińsa 69

מאַכט בעקאַנט, דאָס אַז סאַר די אַטעליער-אַרביים, ווי רעטושירטע פּאָטאָגראַפיעס און פּאָרטרעטען, ווערט אויך אָנגענומען פערשידענע פּאָטאָגראַפישע אַרבייטען פאַר אינדוסטריע-צוועקען, צ. ב. פאַבריקען, אינערע אויפנאַהמען, מאַשינען-פּלענער. אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פאַר קלישען פון 3-פאַרבען-דרוק (נאַטור-טרייע פאַרבען), פאַרבען-קלישען פאַר קינאָ-רעקלאַמעס לויט די מעטאָדע „Autochrome" Lumiere גרופּען-אויפנאַהמען פון שול-קינדער צו זעהר ביליגע פּרייזען. ספּעציעלע הנחות פאַר אַרטיסטישע קרייזען. די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט שנעל, פּינקטליך און רייניג. צופאָהר מיט'ן טראַמוויי נומער 1.

מיט אַכטונג ה. סראָקאַ.

לאדז, 16 טען יולי 1926

גוטע און שלעכטע מענשען

מיט'ן מענשען, אט מיט דעם שוואַכען בעשעפעניש, איז עס גארנישט אזוי איינפאך. מיר רעדען פון גוטע און שלעכטע מענשען, קלוגע או שוטים פעהיגע און אידיאטען. דערביי איז אונזער סימפאטיע שטענדיג אויף דער זייט פון די גוטע, קלוגע און פעהיגע. פאר די איבעריגע האבען מיר, אין בעסטען פאל, א געפיהל פון רחמנות, על פי רוב אבער, קענען מיר זיי גאר פעראכטען אדער צאלען מיט דערזעלבער מטבע, לעולם רשע ברשעו!

צי איז דער ענין פון גוט און שלעכט, קלוג און נאריש, טאקי אזוי איינפאך? און צי איז דער גוטער און קלוגער טאקי דער בעסערער מענש? אויף דער פראגע, שיינט מיר, איז כדאי זיך אפ צושטעלען.

דער מענש איז נישט תמיד נאר גוט, נישט תמיד קלוג. אין יעדען מענש קעמפט צוויי נשמות, יצר טוב מיט א יצר הרע און דאס זענען, דער שכל מיט געפיהל, דאס הארץ מיט'ן מח, פערשטאנד און ווילען. דער שכל שלעפט אונז אין דער הויך, אין דער אטמא-ספערע פון ריינעם פערשטאנד, צום קלארען, העכערען ליכט; דאס געפיהל ציהט אונז צוריק אין דעם מלכות פון העלע דונקעל. צום בין השמשות וואו ליכט און פינסטערניש, שכל און געפיהל פעלען מיטאיינאנד.

און דער קאמף צווישען מלכות פון ליכט און פינסטערניש, צווישען גע-פיהל און פערשטאנד, ציהט זיך דורך דער גאנצער בריאה, מישט זיך אין אלע אונזערע שטרעבונגען און אונ-טערנעמונגען. אין דער ליטעראטור הייסט עס, דער קאמף צווישען קלא-סיק און ראמאנטיק, אין דער פילא-זאפיע הייסט עס, ראציאנאליזם און וואלונטאריזם, אין גייסטיגען לעבען הייסט עס, רעליגיע און וויסענשאפט.

אונזער סימפאטיע – האבען מיר געזאגט – איז כמעט תמיד אויף דער זייט פון שכל, פון וויסען, פון דער חכמה. מיר אכטען דעם קלוגען, מיר ליבען דעם גוטען מענשען. אזוי זעהט עס אויס, און מיר לערנען אונזערע קינדער זיי זאלען זיין גוט: מיר לער-נען זיי צו זיין קלוג, אלץ צו וויסען און פערשטיין. אבער ווען מיר קוקען זיך צו נעהנטער צו די ם, וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט, ווערען מיר גע-וואויער, אז די מעשה איז גאר נישט אזוי, אז אין דער פראקטיק פיהרען מיר זיך גאר אנדערש ווי מיר לערנען אונזערע קינדער, אונזערע סימפאטיעס ליגען כמעט תמיד אויף דער זייט פון די שלעכטע, פון די שוטים, פון די נישט פראקטישע און שלים מזלניקעס.

„דער גוטער מענש – זאגט אסקאר אוסאילד – איז קינסטלעריש נישט אינטערעסאנט". כמעט אלע גרויסע העלדען פון דער געשיכטע, די העלדען פון דער ליטעראטור, די, וואס פער-קערפערען אין זיך דאס מענשליכע, די וועלכע מיר בעוואונדערען און פער-ערען, זענען גאר נישט קיין גוטע מענ-שען. און אז איהר ווילט, זענען זיי קיין חכמים אויך נישט. דאס זענען מענשען מיט גרויסע תאוות, מיט פייער-דיגען טעמפעראמענט, בלינדען פא-נאטיזם און איבערגלויבעניש. אט די מענשען זענען אונזערע העלדען, זיי באוואונדערען מיר, פאר זיי בוקען מיר זיך און מיר טוען זייער ווילען. די קלוגע מענשען, וואס מעסטען זיבען מאל איידער זיי שניידען, די וואס גייען צוויי טריט פאראויס און איין טריט צוריק, — די מענשען טוען זעהר ווייניג אויף אין דער וועלט.

און די נארישע, שלעכטע מענשען נעהמט עס געוועהנליך אויף גוט אויף דער וועלט. דאנעגען די קלוגע קענען זיך נישט רימען מיט זייער ערפאלג אין לעבען. דערמיט דערקלערט זיך עס אויך צום טייל וואס גראד די „שלעכטע" פרויען האבען א גוטע מערכה און די „גוטע", די קלוגע ליגען ניי-איילע אין דער ערד...

דער חילוק צווישען גוטע און שלעכ-טע מענשען, צווישען שכל'דיגע און געפיהלס-מענשען, געהט נאך ווייטער. עס ווערט אויך איבערגעטראגען אויפן עקאנאמישען געביט.

דעם אמעריקאנער אדאמס איז איינ-געפאלען צו טיילען דעם מענשליכען מין אויף בלוט מענשען און וואסער-מענשען; אויף מענשען וואס זענען פאנאטיש-גלויביג, קריגעריש און קינ-סטלעריש; מענשען וואס לאזען זיך בעהערשען פון בלוט, וועלכע שטורמט אין זיי, און מענשען וואס זענען קאלט ווי דאס וואסער, וואס לאזען זיך פיהרען פון קאלטען שכל. דער מין מענש האנ-דעלט, וואנדעלט, בויט און שאפט, אין אינדוסטריע, און פאבריקאציע. אבער די הערשאפט בלייבט אין די הענד פון די סאנגווינקער, כאליכער, פאנ-טאסטען, פאנאטיקער און מאמינים. און דא ליגט דער סוד, פארוואס די „נארישע", שלעכטע פרוי מיט די לאנ-גע האר און קורצען שכל, לויט די ממשלה, זי געוועלטיגט איבער אונז דאס איז דערפאר ווייל זי רעפרעזענ-טירט דאס בלוט, געפיהל, הארץ און פאנטאזיע.

———

יודען רעפרעזענטירען אין דער וועלט דעם שכל; יודען זענען ראציאנאליס-טען, זיי זענען די געשוואוירענע ניין-זאגער. אין צייטען פון גרויסע ליידענ-שאפטען, ווען דאס בלוט האט זיך צו-קאכט און די פאנטאזיע צעבושעוועט; ווען עס האט אויסגעזעהן אז די וועלט איז א משוגעים-הויז און די מענשען גייען ארויס פון זינען, זענען יודען געווען די איינציגע רעפרעזענטאנטען פון געזונדען מענשען פערשטאנד. זיי זענען געווען דער קאלטער קאמפרעס אויף די צוהיצטע קעפ. יודען זענען געווען די, וואס האבען געזאגט „ניין"! און נאכאמאל „ניין"! דאס איז די

נעראנהען און שטימונגען
פון ש. י. סטופניצקי.

גרויסע מ.סיע וואס אונזער פאלק האט אויסגעפירט אין דער וועלט, יודען זע-נען געווען די קלוגע, די גוטע מענ-שען וואס האבען מיט א טיפען רחמנות געקוקט אויף די פערבלאנדזשעטע, פערפירטע און פערבלענדעטע מענשהייט. האבען געטון אלץ וואס איז נאר גע-ווען אין זייער כח אום אנצוצינדען אין מענשליכען מוח דאס פערלאשע-נע נאטירליכע ליכט. כמעט אלע יודי-שע פילאזאפען, סיי אין מיטלאלטער, סיי אין דער נייער צייט, זענען שטרענ-גע ראציאנאליסטען, גלויבען אין כח פון שכל אלץ משיג צו זיין און גאר מיט'ן שכל.

און אט דער יודישער ראציאנאליזם, די שכל דינקייט, האט קיין גרויסע סימ-פאטיעס דעם יודישען פאלק נישט פערשאפט אין דער וועלט. דעם עולם האט געשראקען די יודישע ניכטער-קייט, בערעכענקייט און קלוגשאפט; עס האט געשראקען דער „יודישער גייסט" וואס איז א פערקערפערונג פון דער „ראציא", פון קאלטען שכל, פון מאטעמאטיק. מען האט געפרובט דעם יודישען שכל צו קאמפראמיטירען, אים צושרייבען פערשידענע אמונות טפלות אבערגלויבען און מעשים תעתועים.

די לייט האבען דאמאלט נאך נישט גע-וואוסט, אז גראד די בלבולים זענען סותר זייערע טענות, זיי האבען זיך נישט געוואלט מודה זיין, אז דער שכל שרעקט זיי און האבען געזוכט איררא-ציאנעלע מאטיוען פאר זייער שרעק און שנאה.

די ערשטע האבען יודען אליין דער-פיהלט די סכנה וואס ליגט אין זייער איינזייטיגקייט און אונבעשרענקטקיי-טען ראציאנאליזם און האבען זיך גע-ווארפען אויף דער אנדער זייט פון דער מענשליכער נאטור, אויף דער ראמאנטיק. כמעט אלע בעוועגונגען, וואס בעהערשען דאס יודישע לעבען אין דער נייער צייט, אנהויבענדיג פון חסידיזם ביז צו דער נייער ליטערא-טור, זענען אין עצם איראציאנאל, ראמאנטיש, געפיהלס-זאך. יודען בעמי-הען אויפצוהערען זיין גוטע און „קלו-גע" מענשען, זיי ווילען ווערען א ביס-סעלע נאריש, א ביסעלע שלעכט, זיי ווילען לאזען דאס הארץ אויך קומען צום ווארט און שטרעבט צום גע-פיהלס-לעבען.

אין קאמף צווישען מח און הארץ, געפיהל און פערשטאנד, מאן און ווייב לעבט זיך אויס דער יודישער גייסט אין זיין נייער געשטאלט.

אין „יודישען" קורארט.

די פאסטערנאקובנע אויפ'ן דעפטאק.-פרעמיער בארטעל'ס פאטער אלס קור-גאסט פון 3 טער קלאס.- א פארלעזונג פון הראביע סקשינסקי.

קארעספאנדענץ פון איוואניטש צום „נייעם פאלקסבלאט".

דער עולם איז דא לחוש אויף סענ-סאציעס און אז זיי זענען נישטא, מאכט מען זיי, זוכט מען זיי אויס. אט האָ-בען מיר זיי אין פערלויף פון א 10 טאג געהאט גאנצע דריי.

זייט א געוויסע צייט האט דא גע-ווילט מאדאם שטשעפאנסקא אין איהרע „מיידעלשע" יאהרען האט זי געהייסען פרל. פאסטערנאק, אבער נאכדעם, ווי זי האט אפגעלעבט עטיס א יאהר 16 „נא וויארע" מיט א הר „חתן" אינוש. שטשעפאנסקי, וועלכער האט עדות געזאגט אין שטייגער פראצעס, אז זי איז א רוהיגע און נישט קיין היסטעריטשקע, האט זי איהם אויפגע-הערט „צו גלויבען" און גענומען מיט איהם חופה וקדושין. האט זי, מרת פאסטערנאק, געוואוינט דא א פאר וואָ-כען אינקאגניטא, ביז זי איז איינמאל ארויס אויף'ן „דעפטאק" און מ'האט זי דערקענט. איז געווארען א טומעל, מ'האט זיך אנגעהויבען שושקען, זי האט עס בעמערקט און זיך אפגעטראגען אין א הינטערשטער אלעע. האט עפיס אלץ אונטערגעשיקט א פאטאגראף, אז ער זאל זי אפפאטערטעלען און קאמפראמי-טירען זי אויפ'ן גאנצען לעבען – פא-סטערנאקיבנא אין א „יודישען" קור-ארט! איהם איז שוין די גאנצע גע-שיכטע געהאט געלונגען, איז אבער אנ-געלאפען דער נייגעריגער עולם און קאליע געמאכט: דאס פייגעלע איז אנט-לאפען און בעוויזט זיך נישט מעהר אויף דער ליכטיגער שיין „גם דעפטאק".

אדורך א פאר טעג און – א נייע סענ-סאציע. קיין איוואניטש איז געקומען בארטעל, דעם פרעמיער'ס פאטער. ער האט זיך ווי א פשוט'ער בשר ודם אויסגעקויפט די קור-טאקסע, געקויפט בילעטען אין דער 3. קלאס און אוועק זיך באדען. ערשט ווען אלץ איז געווען פערטיג, האט זיך דער בעאמטער א קלאפ געטון אין שטערן: בארטעל, אנ-אינהאבער פון א שלאסעריי, א בן שבעים, צי איז עס נישט א מאל דעם פרעמיער'ס פאטער? מ'האט באלד אויפ-געזוכט דעם הויפט-דירעקטאר און דער-צעהלט איהם די געשיכטע. לויט די דאטען האט מען פעסטגעשטעלט, אז יא-ס'איז ער, און מ'האט זיך אוועק-געלאזט זוכען דעם גאסט. מ'האט איהם געפונען, ווען ער איז זיך געגאנגען באדען טאקי אין 3. קלאס. מ'האט איהם באלד פערבעטען, אפגעפיהרט אין א סאלאניק (ספעציעל צימער'ן פון 1. קלאס) הגם ס'איז נישט געווען בעשטעלט אויף דער שעה.. אין אוונד האט ער שפאצירט אויפ'ן דעפטאק און האט פיל קור-געסט דערצעהלט וועגען זיין זוהן'ס קינדער-יאהרען. דער עולם האט גע-הערט און איבערדערצעהלט איינער דעם אנדערן און נתפעל געווארען... געווען א פשוט'ער שלאסער און היינט – פרעמיער!...

און נאך א סענסאציע, א פריש-צא-פלדיגע: סקשינסקי אין איוואניטש. וועלכער, דער גראף? יא. דער געוועזענער פרעמיער? ניין, זיינער א קוזין. אנגעקומען אין דער פריה אויף אן'אויטא צוגעפאהרען צו דער דירעקציע. א הוי-כער הער פון א יאהר 50 אין אמערי-קאנער שטייגער-ברילען, ארויס פון אויטא קענטיג גאנץ ניכטער, נארמאל ווי אלע מענשען און כראביעס. א פאר שעה שפעטער אין קאשטשאל (אין זאקלאר איז דא א קאשטשאל, וואס די א נהא-בער האבען איהם אויסגעבויט אויף אייגענע רעכנונג) האט מען נישט גע-וואוסט, צי עס איז געווען א כראביא צי גאר א „כראבאגדזש", ווייל ער איז געווען אזוי בגלופין, אז ער האט נישט געקענט געהען אפילו אויף די פיס, מ'האט איהם קוים ארויסגעפיהרט פון דארט. אויף נאכמיטאג איז געווען אנ-געקינדיגט א פארלעזונג, אדער א פאלי-טישער מיטינג מיט כראביע סקשינסקי, וועלכער הויבט שוין אן די אקציע פאר א מאנדאט אין סיים, אלס הויפט-רעדנער.

א גאנצען טאג האט געגאסען א שלאקס-רעגען. איך האב זיך אנגענומען מיט מוט, געקויפט א בלייפשטיפט און א פאר בויגען פיינע פאפיר, געבארגט זיך א שירעם און בין אוועק אויפ'ן מיטינג צוזאמען מיט מיינעם א שכן פון האטעל, א פויזנער בעאמטען, א פאל-טישען פריינד פונם רעכטען כראַ-ביע, וואס האט אין דער משפחה א ליג-קען, א געוועזענעם פרעמיער. ס'האט זיך אבער ארויסגעשטעלט, אז טראץ דער סענסאציע און טראץ דעם, וואס דער כראביע איז שוין געווען ניכטער, זענען מיר צוזאמען מיט מיין פויזנער שכן און מיט'ן פרעלעגענט געווען 3 – פארשוין אויף דעם מיטינג. צוליב'ן רע-גען און אפשר צוליב דעם, וואס מ'האט נישט געגלויבט, אז דער כראביע וועט זיך אזוי גיך אויסניכטערן, זענען די צוהערער נישט געקומען און דער מיטינג איז אפגעלעגט געווארען. דערווייל האָ-בען מיר זיך דערוואוסט, אז די פאר-לעזונג וועט נישט פארקומען, ווייל... כראביא סקשינסקי איז שוין אוועקגע-פאהרען. לצים שמועסען, אז ביים רעכטען כראביא זענען „נישט אלע אין דער היים" ד. ה. אז ער איז פשוט א ביסעל משוגע'וואטע.

י. הינדעס.

א קראנץ פערל / פון תלמוד און מדרש

אז דיר קומט פון דיין חבר געלד און דו ווייסט, אז ער האט דיר נישט אבצוגעבען, מוזטו או סמיידען מיט איהם זיך צו בעגעגנען.

(בבא מציעא ע"ח)

די רבנן האבען געלערנט: אז מ'זעהט יודישע מאסען, דארף מען מאכען א ברכה, געלויבט איז דער חכם פון אלע סודות. וואס ער פערשטעהט יעדע הארץ בעזונדער און האט בעשאפען א זעלכע מענשען, וואס פונקט ווי זייערע פנים'ער, אזוי זענען זייערע רעיונות נישט גלייך איינער צום אנדערן.

(בראשית רבה נ"ח)

ר' גמליאל, ר' אליעזר בן עזריה, ר' יהושע און ר' עקיבא זענען צוזאמען געגאנגען א ן וועג, האבען זיי דערהערט אויף א מרחק פון הונדערט מיט צוואנ-ציג מייל א פרעהליכען געזאנג פון די רוימער, האבען זיי זיך אלע צווויינט, א חוץ ר' עקיבא'ן, וועלכער האט זיך געפרעהט און האט זיי געפרעגט:

— וואס וויינט איהר?

— ווי אזוי זאלען מיר נישט וויינען, אז א זעלכע רשעים, ווי די רוימער, וואס זיי לעבט זיך גוט אויף דער וועלט און זיי פערברענגען אין פרעהליכקייט און אונז איז דער בית-המקדש חרוב געווארען.

— אט דאס פרעה איך זיך דאך,— האט זיי ר' עקיבא געענטפערט, מה דאך א זעלכע רשעים, פונדעסטוועגען טוט זיי דער אייבערשטער אזוי פיל טובות, וועט ער דאך אונז, וואס מיר ערפילען זיין רצון, אודאי טון טובות.

(מכות כ"ד)

ר' יוחנן בן זכאי האט געלעבט הונ-דערט און צוואנציג יאהר, האט ער פערציג יאהר זיך אבגעגעבען מיט מסחר, פערציג יאהר האט ער פאר זיך געלערנט און פערציג יאהר האט ער מיט אנדערע געלערנט.

(ראש השנה ל"א)

די תלמידים פון ר' יוחנן בן זכאי האבען איהם געפרעגט א שאלה, האט ער זיי געענטפערט אזוי און אזוי,—הא-בען זיי איהם צוריק געפרעגט: רבי, דו האסט דאך מיט אונז גאר אנדערש גע-לערנט?

איהר זייט גערעכט, האט ער זיי גע-ענטפערט, — מה דאך די זאכען, וואס איך האב געטון מיט מיינע הענד און געזעהן מיט מיינע אויגען האב איך געקאנט פערגעסען, איז דאך זאכען, וואס איך האב נאר געהערט מיט מיינע אויערן האבען געוויס געקאנט פערגעסען, און דערפאר זאלט איהר טאקע וויסען אז איהר זאלט זיין זעהר פארזיכטיג ביים פסק'ענען שאלות. איהר זאלט אייך נישט פערלאזען אויף אייער זכרון, נאר יעדע זאך זאלט איהר נאכזוכען אין די ספרים.

(תוס' אהלות)

מיט דעם גרויסען תנא יונתן בן עזיאל האט פאסירט אזא מעשה:

ס'איז געשטארבען א מענש וואס האט געהאט נישט קיין ארענטליכע קינדער, האט ער אפגעשריבען זיין גאנצען פערמעגען פאר יונתן בן עזיאל. האט יונתן בן עזיאל איין דריט'על פון דעם פערמעגען פערקויפט, איין דרי-טעל אפגעגעבען אויף – דברים שבצדקה און איין דריטעל צוריקגעגעבען — דעם פערשטארבענעמס קינדער. איז צו איהם געקומען שמאי און האט איהם געוואלט שלאגען: הלמאי האט ער געטון פערקעהרט, ווי ס'איז געווען דער רצון פון פערשטארבענעם.

האט צו איהם יונתן בן עזיאל גע-זאגט: אויב דו קאנסט מבטל מאכען דעם שטר מכירה, וואס איך האב פער-קויפט אין אויב דו קענסט מבטל מא-כען דאס, וואס איך האב אפגעגעבען אויף צדקה, וועל איך צוריקנעהמען דעם דריטעל פון די קינדער, און אויב דו קאנסט דאס נישט, מוז בלייבען אזוי ווי איך האב געטון.

האט שמאי איהם געענטפערט: מיט דיינע קלוגע רייד האסטו מיר מנצח געווען, בן עזיאל.

(בבא בתרא קל"ג)

געזאמעלט דורך א. שלעווינגער.

איהר מאַיעסטעט — די מאָדע.

(א בריף פון פאריז).

פון א. יאַבלאָנאָווסקי.

פון שטענדיג אָן האַנדלען די פּאַריזער מיט זייער געשמאַק. און תמיד מיט אַ גרויסען ערפאָלג.

אין פּאַריז שרייבט מען עס די געזעצען, וועלכע זענען פערפליכטענד פאַר דער גאַנצער פרויען-וועלט.

אַ היינטיגע פּאַריזער שניידערין (וועלכע פערדינט אַ זעלבע 2—3 מיליאָן אַ יאָהר) פיהרט איהר געשעפט ממש קייזערליך.

זי האָט נישט קיין שניידער ווערקשטעל, נאָר אַ „מעזאָן", און איבער איהרע מאָדעלען אַרבייטען די ערשט-קלאַסיגע קינסטלער.

אָנצוקומען צו אַזאַ „קעניגין" אפילו געשעפטליך איז אויסערגעוועהנליך שווער. קודם כל וועט אייך אויפנעהמען „אַ סעקרעטאַר", אַ קאָרעקטער, שטרענגער מאַנספערשוין, וועלכער זעהט אויס, ווי אַ וויצע-פּרעזידענט פון אַ וויסענשאַפטליכער אַקאַדעמיע, און וועט אייך ערקלערען, אַז די „מאַדאַם" נעהמט נישט אויף, אַז זי איז בעשעפטיגט אַז, אַז מ'דאַרף זיך „פערשרייבען".

און אויב איהר וועט פערלאַנגען דורכאויס, וועט אייך אויפנעהמען אַ „דירעקטאָר", ענליך צו אַ מלוכה קאַנצלער.

און ווידער וועט איהר הערען:

— די „מאַדאַם" איז זעהר בעשעפטיגט... אוממעגליך... מ'מוז זיך פערשרייבען... אפשר אין אַ וואָך אַרום...

מ'מוז אָבער זאָגען דעם אמת: די דאָזיגע הערען קאָנען אַרבייטען און זיי שאַפען וואונדער.

איך פערשטעה גאַנץ ווענינ אין דאַמען-מאָדעס. נאָר ווען איך זעה די אַרבייט פון אַ גוט פּאַריזער „הויז" הויב איך אָן צו פערשטעהן, אַז מיט שער און נאָדעל קאָן מען שרייבען לידער און אפילו גאַנצע פּאָעמעס. מ'קאָן די אויגען נישט אָפּרייסען פון מאַנכע מאָדעלען-שויפענסטערס. אָט די פּאַליענדע, צאַרטע שטאָפען, דער צוזאַמענשטעל פון פאַרבען, אַזאַ אונגעוואַרטעטער, אָפטמאָל האָפערדיגער, אָבער שטענדיג צוזיבערישער,—פרויען פערלירען דערפון דעם קאָפּ.

זעלבסטפערשטענדליך, געאַרבייט דעריבער האָט נישט די „מאַדאַם" און נישט דער „קאַנצלער" אָדער וויצע-פּרעזידענט, נאָר די ערשטקלאַסיגע, אפשר די בעסטע קינסטלער פון אייראָפּע.

מערקווירדיג איז אָבער, וואָס אויך דאָ האָט מען געדאַרפט האָבען דעם מאַן, ער זאָל זאָגען דאָס לעצטע וואָרט אין די דאַמען-מאָדעס.

אדם הראשון'ס ריפּ איז, ווייזט אויס, געווען נויטיג צו בעשאַפען די פרוי נויטיג שטענדיג און אומעטום.

גיט אַ קוק: פון זינט די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, האָבען זיך פרויען פערנומען מיט אָפנעהמען קינדער. נאָר ס'איז געקומען דער מאַן און האָט געשאַפען די אַקושעריע.

פון זינט מענשען האָבען זיך אויסגעלערנט בעגעהן מיט פייער, האָבען פרויען געקאָכט צו עסען. נאָר ס'איז געקומען דער מאַן און האָט געשאַפען די קאָך-קונסט.

אַזוי איז אויך מיט די שניידערס. די ווייבער פון אברהם און יצחק אבינו האָבען שוין גענייהט. אָבער ס'איז געקומען דער מאַן, און אַלע פרויען זענען אוועק צום „דאַמען-שניידער".

און איצט לויפען זיי צום פּאַריזער קינסטלער פון דאַמען-קליידער, און ס'איז נישטאָ אין דער וועלט קיין לאַנד, וואו עס זאָל זיך נישט פיהלען די מאַכט פון דער פּאַנצעזישער מאָדע.

אין די עגיפּטישע האַרעמען, אין די אזיאַטישע סעראַלען, אין די כינעזישע בייהייזלעך-אומעטום פערשטעהט מען, אַז די פראַנצויזישע וועט מען נישט איבערשפּייען און אומעטום קאָן מען געפינען אַ זשורנאַל פון פּאַריזער מאָדעס.

אין דער אמת'ען הערען די דינע בראָשורען מיט מאָדע-בילדלעך נאָר על פי סמכות אָנגערופען „זשורנאַלען" פאַקטיש זענען דאָס געזעץ-קאָדעקסען. אומדערבאַרעמדיגע, שטרענגע, אַבסאָלוט פערפליכטענדע געזעצען, וועלכע זענען שטאַרקער פאַר יעדען קרימינעלען קאָדעקס.

— ס'איז אַרויס אַ בעפעהל, אַז די זאָקען זאָלען זיין „נאַקעטע". און די וועלען זיין „נאַקעטע", אפילו ווען די דאַמע זאָל זיך פערנעהמען פאָהרען צום צפון-פּאָל.

פסיכאָלאָגיש איז די דאָזיגע בלינדע אונטערטעניגקייט צו דער מאָדע פאַר אונז, מענער, אפילו נישט פערשטענדליך.

אין פּאַריז ווערט גערעכענט פאַר נישט אָנשטענדיג, ווען אַ פרוי בעווייזט זיך אין דער גאַס מיט אַ נישט געפאַרבט פּנים. „אַלע" שמינקען זיך, און אפילו ונגעטשקע מיידלעך מיט רויטע בעקלעך-זיי ווילען אויך כאָטש די ליפּען אָנפאַרבען, כאָטש די ברעמען גרימירען.

ס'ליגט עפּעס אַ בעזונדערער פסיכאָלאָגישער שטריך אין כאַראַקטער פון דער פרוי, וואָס וועט קיינמאָל נישט זיין פערשטענדליך פאַר'ן מאַן. נישט לאַנג האָב איך ביי לענאָטר'ן געלייענט וועגען אַ מערקווירדיגען פאַקט.

אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע איז איינע פון די וואַנדייער העלדינס, אַ יונגע, 33 יעה ריגע שעהנע פרוי גע נומען געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט און פער'משפט געוואָרען צו דערשיסען.

ווען מ'האָט איהר שוין געפיהרט צו דער עקזעקוציע, האָט איהר עמיצער פון דער פּראָקוראַטור געפרעגט:

— ווי אַלט זענט איהר?

און די דאָזיגע האָט נישט געטראָפען טערה־יט געענטפערט:

— די ייסיג.

דריי יעהרליך אַראָפּגעגנב'עט. און אין 5 מינוט אַרום איז זי שוין געלעגען אין אַ גרוב און די סאָלדאַטען האָבען פערשאָטען איהר קערפּער מיט וואַפּנע

דאָס איז קנעכטשאַפט. אָבער אַ בעזונדערע, ריין ווייבליכע קנעכטשאַפט און די זעלבע קנעכטשאַפט ווייזען די פרויען אַרויס אין די פראַגען פון מאָדע.

איצט אַ שטייגער איז אין פּאַריז אינגאַנצען „אָפּגעשאַפט" פאַר פרויען די פּולקייט און עס ווערט ענטשיידען פערוואָרפען דער ביוסט.

— אויפ'ן בעפעהל פון איהר מאַיעסטעט דער שניידערין.

און דאָס מערקווירדיגסטע איז, וואָס אויף די גאַסען, אין קאַפע, אין טעאַטער בעגעגענט איהר טאַקע נישט קיין פולע פרויען—זיי זענען פערשוואונדען זיי זענען מצהר נישטאָ!

אמת, מיטלע ווערען דערצו אָנגענומען מורא'דיגע. אָט, אַ שטייגער, וואָס עס טוען איצט די פּאַריזערינס, כדי אָפּצוהיטען „די ליניע" און פטור צו ווערען פון ביוסט.

„צוויי פריינדינס,—דערצעה'ט „ענטראַן יושאַן"-וועלכע האָבען זיך לאַנג נישט געזעהן, האָבען זיך ביי דער בעגעגעניש אַרומגענומען און איינע האָט דערפיהלט אונטער דעם קלייד פון דער צווייטער עפּעס האַרטעס, מעטאַלענעס.

— ל. בענקע, וואָס איז דאָס? וואָס מאַכסטו אין געזונט?

— אויסגעצייכענט. נאָר כ'האָב אַ נייע גונג צו פולקייט...

— אַך אַזוי... טראָגסטו אַ מעטאַלענעם קאָרסעט?

— איך? אַ קאָרסעט?

— וואָס זשע דען טראָגסטו עס?

— דאָס איז אַ ביוסט האַלטער. און די טראָגסט דען נישט? כדי אָפּצוהיטען די „ליניע", מוז מען האָבען אַ ביוסט האַלטער פון אַלומיניום.

— פון אַלומיניום! ווי די טעפּ אין קיך?

— איז וואָס? ס'איז ריין, לייכט און ווערט נישט פערראָסט,

— איז דען אַזאַ אונגליק אַ ביוסט ביי אַ פרוי?

— איך וויל נישט אויסזעהן, ווי אַן אַם! קיין ביוסט טראָגט מען נישט מעהר! און ווען איך גיב אַ טראַכט, אַז מיין באָבע פלעגט זיך אַריינשטופּען הינטער'ן קאָרסעט צוויי קנויל באַוועל. כ'שעמע זיך פאַר, ווי זי וואָלט געלאַכט, ווען זי טאַפּט אָן מיין ברוסט-פּלאַטשער.

אַ ביוסט-פּלאַטשער פאַר אַ דאַמען-ברוסט—דאָס איז דאָס לעצטע געשריי פון דער מאָדע.

— קיין ביוסט טראָגט מען נישט מעהר!

— דער ביוסט איז אָפּגעשאַפט!

און איהר מעגט זיין זיכער, אַז דאָס זענען נישט קיין פוסטע ווערטער, און אַז אַן אמת'ע דאַמע וועט דעם קאָפּ אָנלייגען. אַבי צום קומענדיגען סעזאָן צו קענען ווייזען אַ פולקאָם גראַדע „ליניע".

* * *

זעלבסטמאָרד / (סקיצע)

נאַכט. אַ טייך. אַ בריק. אויפ'ן בריק בעוועגט זיך אַ שאָטען. ער קומט נעהנטער און בלייבט שטעהן. אַן אויגענבליק וואַרט ער; נאָכדעם שפּרינגט ער אַריבער דעם פּאַרענטש. אַ צווייטער שאָטען טוט אַ שפּרונג פון דער טונקעלקייט, כאַפּט דעם ערשטען און האַלט איהם פעסט.

— מיין הער!

— לאָזט מיך אָפּ!

— מאַכט זיך נישט נאַריש!

— דאָס מיין לעצטער אויסוועג, לאָזט מיך!

— ניין, האַלט זיך אָפּ!

— איך וויל שטאַרבען!

— און דעמאָלסט? וואָס וועט איהר דעמאָלסט טון?

— וואָס איך וועל טון? איך וועל זיין טויט!

— נישט קיין בעזונדערס אַנגענעמע בעשעפטיגונג.

— דאָרט וועל איך אָבער ענדליך געפינען רוה.

— עס דאַכט זיך אייך נאָר אַזוי. בערוהיגט זיך. זעצט זיך צו דאָ, אויפ'ן פּאַרענטש. אָט אַזוי...

— צו וואָס האָט איהר מיך אָפּגעהאַלטען? איצט וואָלט שוין אַלץ געווען געענדיגט.

— געענדיגט? עס דאַכט זיך אייך נאָר. נאָכ'ן טויט וועט מען אייך ערשט נישט לאָזען צורוה.

— וואָס זאָגט איהר?

— ערשטענס, וועט מען אייך מיט טערהייט אַרויסשלעפּען פון וואַסער. מען וועט אייך פאָטאָגראַפירען, און ס'שטעלען פאַר'ן עולם. וועלען געהן אייך בעקוקען, כדי צו וויסען, מיט וואָס פאַר אַ טויט איהר זייט אומגעקומען

— דאָס איז דאָך קלאָר. אַז איך בין געשפּרונגען אין וואַסער — בין איך דערטרונקען געוואָרען!

— זאָגט דאָס נישט! ביים פאַלען אין וואַסער האָט אַ הער דאָך געקאָנט כאַפּען אַ צוג-ווינט אָדער אַ לונגען-ענטצינדונג.

— נו, דאָס איז שוין איינערליי. אַבי נאָכדעם קומט דער טויט און די אייביגע בערוהיגונג.

— יאָ, ווען עס וואָלטען נישט עקזיסטירט קיין צייטונגען.

— צייטונגען.. אויף יענער וועלט?

— ניין, די צייטונגען פון דער וועלט. זיי וועלען דערצעהלען פערשידענע אויסגעטראַכטע מעשה'ס וועגען אייער לעבען און ברענגען אַלע אינטערעסאַנטע איינצעלהייטען. זיי וועלען שרייבען, אַז אייערע עלטערן זענען קאַסאַרזשניקעס, אייער זיידע אַ מטורף, אייער באָבע אַ...

— צוליב וואָס מאַכט איהר מיך אַזוי וואַקלען אין מיין פעסטען בעשלוס צו פערענדיגען מיין לעבען?

— וואַקלט זיך נישט.. און איבער לעגט זיך וואַרט אָפּ, ביז די בעגינען שעה וועט קומען. ביים זונען-שיין פערשווינדען די געשפּענסטער פון דער נאַכט

— ביי מיר האַנדעלט זיך גאָר נישט וועגען געשפּענסטער. איך האָב געהאַט אַ פרוי.

— איך פערשטעה. זי איז געשטאָרבען. די אומגליקליכע, און איהר ווילט איהר נאָכגעהן.

— דווקא נישט, זי איז אַזוי לעבעדיג, אַז זי איז אפילו אַנטלאָפען פון מיר.

— און כדי איהר ווידער צו בעקומען, וואַרפט איהר זיך אין טייך?

— ווי קען איך גאָר טראַכטען איהר צו בעקומען צוריק!

— מיין טייערער, אַז מען האָט אַ ווייב, מוז מען שוין טראַכטען.

— אפילו נאָכדעם, ווי מען איז שוין פופצען יאָהר פערהייראַט?

— 15 יאָהר? און איהר ווילט איהר נאָך צוריק בעקומען??

— זאָל שוין זיין אַזוי, אפשר זייט איהר גערעכט אָבער די חובות מיינע! וואָס טוה איך מיט די חובות?

— חובות? פערגעסט אָן זיי!

— געוויס וואָלט איך דאָס געטון! אָבער צום בעדויערען ווער איך כסדר פון דאָסניי דערמאָנט אָן דעם.

— טוט אַזוי: מאַכט נייע חובות און בעצאָהלט דערמיט די אַלטע; דאַן מאַכט גאָר נייע חובות און בעצאָהלט דערמ ט די נייע און אַזוי ווייטער.

— יאָ דאָס איז אפילו אַ פּלאַן; אָבער לוינט עס זיך דען אַזוי אָפּצומאַטערען צוליב'ן עלענדען" לעבען אויף אונזער נאַרישער וועלט'ל?

— פאַר'ן היינטיגען טאָג לוינט זיך דאָס טאַקע נישט. אָבער אפשר האָט דאָס אַ בעדייטונג פאַר'ן מאָרגען. מיר לעבען דאָך היינט, כדי צו דערוואַרטען דעם מאָרגען, וועלכער וועט געוויס בעסער זיין.

— איך ווייס נישט, אויב איהר האָט רעכט; קלאָהר איז נאָר איין זאַך: אַז איהר מיט אייערע ווערטער האָט ביי מיר אָוועקגערויבט מיין בעשלוס אַוועק צוגעהן פון לעבען.

— זעהר פיין! הייסט עס, האָט איהר בעשלאָסען צו בלייבען לעבען?

— יאָ, ווי עס שיינט. וועל איך שוין בלייבען אויף דער וועלט: אַ דאַנק אייך, מיין פריינד. ווי זאָל איך אייך אויסדריקען מיין דאַנק?

— אויב איהר זייט מיר מאַקע דאַנק באַר און איהר ווילט מיר דאָס בעווייזען, קענט איהר מיר אָוועקגעבען אייער טייסטער, וועלכען איהר האָט ערשט געוואָלט צוזאַמען מיט זיך אַריינוואַרפען אין טייך.

— מיין טייסטער?

— וואָס וואונדערט איהר זיך אַזוי? אויב אייך שיינט דאָס צו זיין ווייניג, קענט איהר מיר נאָך דערלויבען אייער זייגער אויך.

— מיין זייגער?

— יאָ איהר האָט רעכט. אַ זייגער אָהן אַ קייטעל איז נישט קיין גאַנצע זאַך. איהר מעגט דעריבער צולעגען דאָס קייטעל אויך.

— אַזוי?! ווילט א הר, הייסט עס, אָפּנעמען מיין זייגער, מיין קייט מיין געלד?

— מיין ליבער פריינד, שוין פינף שעה ווי איך זיץ דאָ און וואַרט אויב עמיץ וועט קומען און איך וועל איהם זאָגען: „אייער געלד, אָדער נעמט אַ קאַלטע וואַנע!" אָבער אַזוי ווי איהר זייט שוין געקומען מיט אַ פערטיגען בעשלוס צו נעמען אַ קאַלטע וואַנע, האָב איך מיט אייך געמוזט רעדען גאָר אַנדערש.

— זייט איהר, הייסט עס, אַ — גנב?

— איך בין אַ קויפמאַן און ערוואַרט מיינע קונדען אויפ'ן בריק; איך קאָן זיך נישט דערלויבען דעם לוקסוס אָנצונעמען מיינע קליענטען אין אַ געשעפט, אין אַ קאָנטאָר, אָדער אין אַ באַנק.

— גענוג, מיר איז שוין דערעסען אייער פּלאַפּלעריי. פּרעהט זיך, אַז איך וועל נישט אָנווייזען אויף אייך דער פּאָליציי.

— אַהאַ, אָט אַזוי בעהאַנדעלט איהר דאָס אייער צווייטען פאָטער? דעם יעניגען וועמ עס האָט אייך געשענקט אייער לעבען צום צווייטען מאָל?

— הערט אויף צו האַקען אַ טשייניק. איכ'ל אייך אפילו קיין פרוטה אויך נישט געבען.

— אויב אַזוי, זייט איהר דער גנב!

— ווי? ???

— איך האָב אייך פערקויפט געדאַנקען, וועלכע האָבען אייך געראַטעוועט דעם לעבען, און איהר ווילט מיר נישט בעצאָהלען פאַר זיי.

— שעהנע געדאַנקען האָט איהר מיר געגעבען!

— אויב אַזוי, גיט מיר אָפּ מיין סחורה צוריק.

— נעמט זיך אייערע געדאַנקען צוריק — און האָט זיך מיר אַ גוטען!

— איין מאָמענט! וואוהין געהט איהר? אַ היים? איהר מוזט דאָך בעגעהן זעלבסטמאָר!

— איך מוז בעגעהן זעלבסטמאָרד?

— געוויס. אַזוי ווי א הר האָט מיר צוריק אָפּגעגעבען דעם מאַטעריאַל, וואָס האָט געדינט, איהר זאָלט וואַרפען אייער זעלבסטמאָרד-געדאַנק, זייט איהר איצט מחויב צוריק אָנצונעמען אייער ערשטען בעשלוס. וואַרפט זיך אין טייך, און אונזער געשעפט איז פערענדיגט?

— איהר זייט משוגע!

— אויב איהר ווילט נישט בעגעהן זעלבסטמאָרד מיט'ן גוטען ווילע', דאַן וועט איהר זיין געצוואונגען דערצו!

— קאַנאַליע!

— געמיינער יונג!

די ביידע שאָטענס וואַרפען זיך איינער אויפ'ן אַנדערע', זיי כאַפּען זיך אַרום און ווילרען קאַמף.

איינע· פון זיי הויבט זיך אָן וואַק לען, פאַלט אַראָפּ.

אַ פּליוסק אין וואַסער. דער אַנדער שאָטען בויגט זיך אַריבער איבערן פּאַרענטש, קוקט איהם נאָך, נאָכדעם מאַכט ער זיך צורעכט די קליידער און געהט לאַנגזאַם אַוועק.

— צייטען! אפילו זעלבסטמאָרד קאָן מען איצט נישט בעגעהן רוהיג. שטענדיג איז מען אין דער סכנה'ע הרג'עט צו ווערען!

ער דערווייטערט זיך און פערשווינדט אין דער טונקעלער נאַכט.

פון איטאַליעניש

בלומאַן.

ציגיינער פון רוסלאנד

פון צבי הירשקאן

.. א וואלד הינטער פאריז און אינ'ם וואלד — א ציגיינער טאבאר. א געוועהנליכער און טיפישער ציגיינער טאבאר, פונקט ווי וואו עס איז אין רוסלאנד, נעבען אנ'עק דארף, אויף א „פוסטקע" צווישען ווינגס מיהל און צערקווע.

ביידלאך-געצעלטען. מאנטבילען אלטע און יונגע אין גלאנצינע כאליאן-שטיפעל, פלושענע ברייטע הויזען סאמעטענע קאמזוילען, קייטלאך, גרעלאקלאך, רינגעלאך אין די אויערען. לאנגע פייפקעס צווישען די ליפען און טראסט ביישטען אין די הענד. צעשויבערטע ציגיינערינס אין בונטע, פערשמאדערטע קליידער צוזויפגעסטריגעט פון איין שטיק און צוזויפגעפאלדעט ווי קישעלאך ביי די ברוסטען. קערעלען, פאשטערקעס, זילבערנע מטבעות, בלעכענע בראסליעטען און שליפלען פון קאנסערוועז שאכטלעך באמבלין זיך פון אלע זייטען. און באָרוועסע און נאקעטע „שווארצע שדים'לאך", קליינווארג, קלעטערען אויף בוימער, קייקלען זיך איבער דער פייכטער ערד. קאלאטירען און כאפען שטומע שמוץ פון די דערוואקסענע, איבער די צעקראצטע און קרעציגע פנטבלויזטע קערפערלאך.

דומפיג, שטיקענד עס איז פריה מארגען און דא אינ'ם וואלד, וואו די זורבאניישע פרינצען פלעגען עס פאר צייטען אפ'יכטען זייער'ע פאמפע-נעיטגען, וואס זענען געווען בעריהמט אין אלע קעניגל כע הויפען פון איירא פע — פלאקערען איצט מיסטיגע שייטערהויפענס און עס בראטען זיך און זידען פער'ידענע שפייזען אין ליימענע כלים, וואס זייער בלייכען געפינען זיך נאך אין געפעס-מו ייען פון פאר היסטאָרישע שבטים. שמערע מאכלים: דער גערוך פ ן זיי ווארגט צפעס. אזוי ווי עס וואלטען זיך דא געסמאליעט הארינגע און פערהארטעוועטע פטכלאך.

דער דאזיגער גאנצער טאבאר, ווי ער שטעהט און געהט איז סך-הכל מיט טליכע וואכען צוריק געקומען פון דער סאוועט-מדינה, פונ'ם וואלגא-געגענט. „עמיגראנטען", כאטש זיי פיהרען זיך דא אזוי היימיש. און אט דערוויסענדיג זיך, אז איך בין אויך א „לאנדסמאן" ווייבער, פערטרויט מען מיר פערשידענע געשיכטעס פון זייער ציגיינערש איינקומעניש און אויסקומעניש איצט. און אפילו זייערע טרוימען און פלענער אויף שפעטער. מען דערצעהלט מיר איגסטים, הארציג און „מיט א טרעהר".

מערקווירדיגע ערצעהלונגען. עפעס א נייע סאציאלע וועלט עגטפלעקט זיך פאר מיינע אויגע: עס ווייזט זיך ארויס אז אט די איינ'אונגער פונ'ם וואלד הינטער פאריז זענען עס נישט קיין איינצעלנע ציגיינער-אויסוואנדערער פון רוסלאנד. פון רוסלאנד קומט פאר, היינט צו טאג, א ריכטיגע ציגיינערישע מאסען-עמיגראציע בכלל. וואו נאר א ציגיינער-רוקט ער זיך דארטען געהענטער צו א גרענין, כדי ארויסצוכאפען זיך.

און אט די בהלה, וואס האט פלוצלונג אנגעכאפט די איינינגע שווארצע באמאדען, איז נישט קיין צופעליגע. פיל ט פע און קאמפליצירטע אורזאכען טרייבען עס זיי צו לויפען אין דער הויימער וויס אריין.

ערשטענס, מאטעריעל, עקאנאמיש: ויי, די ציגיינער, האבען דארטען נישט, אין דער פערייניגטער סאוויעטישער אימפעריע, איצט וואס צו טון און פון וואס זיך כאפט ווי עס איז צו דערנעהרען.

דער ציגיינער איז נישט קיין האנד ווערקער, און נישט קיין פעלד-אקערער. ער איז א פערד-הענדלער. אט דער טארט האנדעל אבער, ליגט לייט, איז אזא געשעפט, וואס פאדערט נית בלויז מען זאל זיך פערנעמען מיט קויפען און פערקויפען, אדער מיט בייטען און אויסבייטען. אמאל מאכט זיך נאר, אז מען מוז א נאכט פארנעכטיגען גאכט, ארויס שלעפען די חיה שם לינקערהייט פון א שטאל, נישט אנגעפרענסערהייד. א בעוואוסטע זאך: יעדער געשעפט פער מאגט זיך זיינע אייגענע איינגעשטעלטע יוגעגן! און אט דאס איז טאקע געווען זייער ארבייט אין אלע צייטען, אנגעהויבען פון דעם ערשטען ציגיינער, וואס דער אלמעכטיגער האט ארונגעשיקט פון די המלשע לאנקעס אויף די ערדישע סטעפעס. אויך די ציגיינערין איז נישט קיין זייהערין און נישט קיין דרעשערין, נישט קיין שפינערין און נישט קיין גערטנערין: די ציגיינערין זאגט פאראויס צו מענשען זייער גליק און זייער אומגליק, וואס ס'וועט געשעהן, און דערפאר באלוינט מען זי מיט א שטיקעל ברויט און מיט אנ'איי, מיט א ביסעל געקעכטס און מיט א קופע נעי טבע, חוץ עם בעטעלט זי ביי דורכפאהרער און דורכגעהער. און די פון זייערע, וואס זענען געבענשט מיט שענע געשטאלטען און מיט זיסע שטימען מאכען זיך לוסטיג און זינגען אין שאנטאנען און רעסטאראנען, און פירשטען און גראפען און גלאט מיליאנערען, שיטען זיי אפ מיט פיל גאלד און בריליאנטען.

אזוי אז עס אבער געווען נאר פאר צייטען, ווען רוסלאנד איז געווען — רוסלאנד: אנ'אימפעריע מיט א טראן, מיט א צאר, מיט יאריד'ן, מיט פערד-שטעלען און פול מיט אלעם גוטען, היינט איז עס אנדערש. אויס מיט פערקויפען און מיט בייטען. און א זאך וואס בעהערט צו א צייטען איז גערינשט צוזוריהרען זיך. דער „באלשאק" איז שטרענג, דער „באלשאק" איז אונדער בארעמדיג. פאר צוגעמען שפילערהייט, עמיצענס אפילו א קליין סאמאיארעל-קונאקס ער דיר אריין, דער „באלשאק" א קויל אין די שלייפען. און פערמעסט דו זיך אויף יענעמס א שקאפע — איז שוין פיל גלייכער פריהער אליין מאכען זיך מיט א מעסער טשיק-טשיק איבער'ן האלז. און פון די ווייבער האט מען נישט זאגאר אויף א פעקעלע טיטון. שוין נישט גערעדט וועגען א פאר שטיוועל. אדער וועגען א געהאפטענעם זאטעל. די ציגיינערין האט איצט גיעט פאר וועמען צו טרעפען און נישט ביי וועמען צו בעטלען. די מארקט נישט וואגען אוש א שטאמעל צו טון וועגען צפעס א געשענק. גובערנאטארען און מיניסטארען קנזין דאך פאר דיר, דו זאלסט זיי ער ויבען א צ'ה פון דיי פיקע...

אט ס ארא גוג-און-מגוג יאהרען עס זענען דאס אנגעשטאנען אין רוסלאנד, קאן עס דארטען, איצט, לעבען ב. גצ'אנט, דער ציגיינער.

צווייטענס, קלימאטיש: דער ציגיינער לעבט שטענדיג דרויסען, אויף פרייע פעלד. א סטעליע דריקט איהם, אין א פיער-ווענטיגער געביידע שפירט ער זיך, ווי פערשפארט אין א קא צער. און אט אין די פיל ווינטערען, וואס מען האט אין רוסלאנד, אין דער „יאווערוכע-צייט" געסריישעלט זיך און געפרוירען פ ן קעלט, נישט פערמאגענדיג קיין שפענדעל פאר דעם אויוועו — האט ער זיך דערטראכט, דער ציגיינער, אז נישט דא איז עס, אין אלגעמיין זיין ריכטיג נעי פלאץ אויף דער וועלט. אט יאס פראסטיגע קענינגרייך איז פאר איהם די זעלביגע זאך, וואס די ברוסט פון שיין א געפאלענער שקאפע פאר איהר זויגענדיגען לאשעקל. ער, אלס וואנדערער און טאבוגעס-אייגענטימער, גריסיגט זיך אן אזא ארט, וואו די זון ווארעמט דורכ'ן יאהר און וואו מען קאן דעריבער ליגען און ליגען און ווארעמען זיך כמעט דאס גאנצע האבאון-גוטס אונטער דעם אפענעם הימעל, ער איז נישט קיין פאר צו דעם רוסישען פויער, וואס קריכט קיינמאל נישט א ויס פונ'ם שטעפען פעלץ און פון די ארומגעבונדענע אנעטשעס אויף די פיס.

ניין, דער ציגיינער דארף זיך ארויסציהען פונם אייז, פון דעם ווייס-שנייאיגען רוסלאנד!..

און דריטענס, אויפגעוועקטע נאציאנאל-ראמאנטישע געפיהלען: פון טאבאר צו טאבאר געהט א צט אום א פאסירעלע, וואס איז הינדערטער יאהרען געלעגען בעהאלטען אונטער א געשלייפט גלאז אינם פאלאץ פון א הערצאג אין פעטערבורג. אויף אט דעם פאפירעלע איז אויסגעמאמ'ט א ביים פול מיט צווייגען. נעבען יעדען צווייג איז פערצייכענט מיט צייכענס פון וואלד דער נאמען פון א ציגיינערישן מוטערהויו. אין דער סאמע שפיץ טונם בוים ליגט אנגעלעהנט אויף דער וואגט פון א רענענבו געגקאל ריגער פע טונג. דאס איז די שוק-פעסטונג פון א לאנד, וואס חייסט: א גדיע. דאס דאזיגע אינדיע איז עס, הייסט עס, אט ריכטיגע מוטער-לאנד פון יעדען ציגיינער צו וואס פאר א מוטער-הויז ער זאל נישט געהערען און אויף וואס פאר אנ'ערד ער זאל נישט האבען צוזאמענגעשטעלט זיין טאבאר.

און בעטעמענדיג מיט די „דומקעס" מיט זייערע אלעס, וואס דא איז יעמאלס און פערצייכענט אינם געפונענעם פאפיר עלע, האבען זיי געקלאפט הענט די ציגיינער פון ראסייע, אוועק צוגעהן אין דעם אינדיע לאנד. ראסייע איז א שלעכטע אימפעריע, א בעסערע אימפעריע פאר דעם ציגיינער צו לעבען דארטען איז גלייך, ווי צו ליגען מ ט אפענע וואונדען, וואס זענען בעשאטען מיט זאלץ און מיט פעפער. עך, ראסייע, ראסייע! דעם ציגיינער בעשטראפט מען דא'טען נישט מיט הענדגעשלעג, נאר מיט פרענטען, מיט דראגען, מיט אנגעברענטע טשוועקעס. און וואס נאר צפעס-שטעכט מען דיר די או גען: ציגיינערל-אומריינע בלוט! ציגיינערל-שקאפע-קינד! און פונדעסטוועגען, אוש די פאפעס די לאנגהאריגע און לאנג באלאכאנעדיגע קריכען און פיוען דארט אין ראסייע צו די ציגיינערשע ווייבער א פיבער אין זייער מאמען אריין! איצט אבער-געענדיגט דער שליאך. רייטער, טפרו! זיי וועלען זיך שוין דערשלאגען אין דעם אינדיעלאנד. און דארטען איז וואויל: די אלע אייביואוינער דארטיגע בעשטעהען בלויז פון ציגיינער, דריי טרילי'אן ציגיינער. און נישא נישט קיין מויערען און נישט קיין כאטעס. דורך און דורך-טאבארס. אויך א צאר איז דארטען אנ'איינענער. מאכאראדושע איז דער נאמען פונם ציגיינער-צאר. און אויך ער רוהט אויפ'ן פעלד, אין א טאבאר, היינט ווי ווארעם עס איז דארטען. אזש קיין ווינטער-וועטער פאסירם דארטען קיינמאל נישט. ריכטיג: דארטען האנדעלט מען נישט מיט פערד, נאר מיט עלעפאנטען. עס מאכט נישט, אבער מען וועט זיך צוגעוועהנען: דער ציגיינער איז פלינק, דער ציגיינער איז אויף אלעם א מייסטער

אבי נאר וואס גיכער עס צו דערגרייכען. אט דא אינם פראנקען-לאנד זענען זיי עס אונטערוועגס. און וועדליג, ווי מען זאגט-וועלען זיי דורכגעהן נאך פיל לענדער. דאך וועלען זיי דערגרייכען זייערס. זיי וועלען שוי ערגרייכען דאס אייגען לאנד זייערס.

ווען קינדער ווערען ניט געבוירען...

פון וואס קומט עקרות?

פון ד"ר יוסף טענענבוים.

עס שווימט דער שטראם פון לעבען און זיין אייביגען ריטם. מיר קענען נישט דעם קוואל און מיר פע־שטעהען נישט דעם ציל — אבער מיר זעהען די כוואליעס און מיר ווערען מ טגעריסען מיט'ן שטראם. מיר לעבע! מיר ווייסע נישט פון וואנען עס האט זי ך פערואלגערט אויף דער ערד דער ערשטער לע בענס פונק, אבער מיר פיהלען דעם ברען פונם היילינגען פייער און מיר שטרעבע, דראפען זיך פון שטופע צו שטופע און מיר פרעהען זיך מיר לעבען!

די נאטור לעבט און ענטוויקעלט זיך. י ע'טוויקעלט זיך דורך פאריונגונג. זי איז קיינמאל נישט אלט. יעדערער פון אונז טראגט מיט זיך ארום די גאנצע וועלט-געשיכטע. עס חזר'ט זיך איבער אין משך פון ניין חדשים, דאס וואס האט גענומען מיליאנען, מ ליאנען יאהרען פון לאנגזאמע צואאקסען זיך. אין יעדערען פון אונז לעבען אלע צווישען גלידער פון דער עלטסטער לעבענספארם ביז צו די מאדערנסטע ענטוויקלונגס-שטופען. זיי אלע זענען געשטאבען, כדי צו לעבען! זיי לעבען אין אונז, אין דער גרויסער, אומבעגרענציטער נאטור. און אויב דאס אייביגע לעבען, וואס דאס איז די פאדוואליגע פון כמעט אלע רעליגיעזע חלומות, האט א נאטור-וויסענשאפטליכע גרונד-לאגע, דאן איז עס אט דער פשוט'ער אמת. מיר לעבע אייביג — אין אונזערע קינדער, אין די דורות וואס וועלען קומען נאך אונז. און קיינער וויל נישט שטארבען אנ'אייביגען טויט. יעדערער וויל בלייבען לעבען — יעדערער וויל האבען קינדער

אט פון וואנען עס קומט די טראגעדיע פון קינדערלאזיגקייט! אונזער אינערער געפיהל, אונזער געוויסען, אונזער גאנצע נשמה טרויערען, נישטא קיין „קדיש". די היילינגקייט פון לעבען איז מחולל געווארען. א טויט אהן קינדער איז דער טויט, א טויט מיט קינדער איז לעבען-לעבען אין דער אייביגער קייט, און וועלכער מיר קאנען נישט דעם אנהויב און וועלכער האט נישט קיין סוף די מאטעריע איז אייביג. און נאר די פארמען ענדערען זיך: ווערען פייגער. ענטוויקעלטער, העכער, בעסער און ווער ווייסט וואס אין ווען מעיר?

און אנטקעגען וואס זאגען מיר דאס? קיינער וויל נישט בלייבען אהן קינדער. די ליבע, דער שטארקסטער טריב אין מענשען, איז א מיטעל צום צוועק. זי שטרעבט נאך דערפילונג. אלע רע ליגיעזע און סאציאלע געזעצען זענען א דירעקטער אדער אומדירעקטער פאליציינעק כדי אפצוהיטען, אז די קייט זאל נישט איבערגעריסען ווע ען דאס גאנצע שטרעבען פונ'ם מענשען ווי פון דער נאטור, איז א דירעקטער אדער אנ'אומד רעקטער מיטעל צו דעם גרויסען, היילינגען ציועק. די נאטור וויל לעבען. זי וויל אייביג לעבען, און ווער עס שטעלט זיך איהר אנטקעגען, ווערט פערשטויסען, פערשאלטען פון גאט און פון מענשען. און קיינער וויל עס נישט טון, סיידען ער מוז, סיידען די נאטור אליין וויל נישט קיין צווייגעלע פון דער פלאנץ. ווייל אויך די נאטור וויל ריינינגקייט, וויל א שטארקין, געזונדען, בעסערען ווור. אט פארוואס די נאטור בעגרענצט אמאל די פרוכטבארקייט פון די אומגעוויגשטע. אט פארוואס עס זענען דא פאלען פון עקרות, וואס זעען ארויסגעצוואונגענע. עס זענען דא קראנקהייטען, וואס בעגרענצען די פרוכטבארקייט. אזא קראנקהייט איז סיפיליס אזא פארעל איז אומפרוכטבאר. און ווער עס האט געזעהן די קינדער. וואס ווערען יא געבוירען פון אזא קראנקען קוואל, ווער פערשטעהן דעם וואונק פון דער בארמהערציגער נאטור. ווייל א ן א געוויסען סטאדיום פון דער קראנקהייט קאנען קינדער יא געבוירען ווערען. זיי זענען פערקריפעלט אויפ'ן לייב און א יף דער נשמה. שרעקליכע קריפעלס וואס קומען אפ פאר פרעמדע זינד. צום גליק שטארבען אזעלכע קינדער יונגערהייט. און צום גליק פערמאגען מיר שוין היינט מיטלען ווי אזוי די קליינע פוי'עליך צו ראטעווען פונ ם פערדארבען. אבער א כך פון די אום בעהאנדעלטע קראנקע בלייבען בעהעפטעט מיט עקרות, אויב זיי ווכען נישט קיין הילף פאר זייער קראנקהייט. און ספעציעל איז עס וויכטיג דארט, וואו עס קומען פאר פאלען פון מפיל זיין, פאר וועלכע עס איז נישטא קיין אנדער ערקלערונג, אז מען זאל אונטערזוכען דאס בלוט פאר דער קראנקהייט.

אנ'אנדער קראנקהייט, וואס איז אפשר דער גרעסטער חוטא אין דעם פרט. איז י „גאנארעא" (טריפער) זי צושטערט די פרוכטבארקייט אין געוויסע פאלע, ווען די וויכטיגע צענגרען ווערען פערשלאסען אדער צושטערט. ספעציעל ביי פרויע קאן די קראנקהייט, וועלכע מען בעטראכט נאך אלץ פאר א לייכטזיניגען שפאס, זיין א שווערע אפקומעניש. זי פערקריפעלט אמאל די שענסטע און בעסטע פרוי. זי איז פעראנטווארטליך פאר א גרויסער צאהל קינדערלאזע זווגים. נישט איין מאל טון אפענדיציט פלוזר'שט איז נישט מעהר, ווי אנ'ענטצינדונג פון די ארגאנען. אזא ענטצינדונג, וואס ציהט זיך לאנג און מוטשעט אויס דעם גוף, איז א גרויסער מזיק, וואס פאר אורזאכט אפט עקרות. מיר האבען היינט מיטלען ווי אזוי אויפצוגעפינען. צי דאס איז די אורזאך פון דעם אומגליק. און די אומצעהליגע אפעראציעס מיט וועלכע מען „היילט" די קראנקהייט, זענען אנ'אומנוציגע צ'גאב צו די ליידען, אויב דאס איז די אורזאך און נישט קיין אנדערע.

און פאר אלעמען איז וויכטיג, אז דער בעקאנטער פראנצויזישער שפריך „זוך די פרוי". זאל אומגעקעהרט פערסוישט ווערען: „זוך דעם מאן". ביי יעדען פאל פון עקרות זאל מען דעם מאן אונטערזוכען, סיידען עס איז בולט, אז ד פרוי איז שולדיג אין דעם פרט. די אינטערזוכונג פון מאן איז איינפאך, און דער מיקראסקאפ גיט א קלאר'ע תשובה, אויב מען ווייסט ווי אזוי ביי איהם צו פרעגען א שאלה.

די גאנארעי מוז בעהאנדעלט ווערען בעצייטענס, איידער זי דרינגט אריין אין דער טיפעניש און צושטערט דאס פאמיליען לעבען ביי דער גרויסער פערברייטונג פון דער קראנקהייט איז דאס בעזונדערס וויכטיג, מחמת גראד אין די פאלען לאזט זיך פיל מעהר אויספון בעצייטענס, איידער שפעטער. ספעציעל ביי פרויען איז זעהר וויכטיג צו פערהיטען, אז די קראנקהייט זאל זיך נישט צעהויבען און שטעלען א שווארצע חופה. עס איז אויך וויכטיג פאר' מאן, עס איז נאריש אין אומפאראנטווארטליך זיך צו פערלאזען אויף גיסים אדער זיך צו בעהאנדלען מיט פיצען פון דעם דראגיסט. די קראנקהייט מוז בעהאנדעלט ווערען פון א פאכמאן. נאהענט צו א העלפט פון די פאלען פון עקרות זענען א ן פערשידענע סטאטיסטיקען צוזערעכענט געווארען אויפ'ן קאנטא פון גאנארעי.

חוץ אט די פאלען זענען דא נאך אנדערע קראנקהייטען, וואס גראבען אונטער די פרוכטבארקייט. שווערע קראנקהייטע: נערווען-ליידען, טובערקולאז פון די געשלעכטס-ארגאנען און געבוירענע קאליקעס, זענען קאנדידאטען פאר אפגעשוואכטער פרוכטבארקייט. עס זענען פערהאן אויך פאלען וואו די אורזאכען א ז נישט אזוי איינפאך אויפצודעקען. אויך שווערע פערגיפטיגונגען מיט בליי, אפיום, קוועקזילבער, טאבאק און אנדערע, קאנען זיך אפרופען אויף דער שטערונג פון פרוכטבארקייט.

אין וואַלד פון לײדענשאַפטען.

(ראָמאַן). (295

איך וועל נאָך בעווייזען צוצוגעהן צו דעם גראַף באַ-יאַני! — האָט פיעטראַ אַ טראַכט געטון — אַ פלעשעל ווייַן אויסצוטרינקען געדויערט נישט לאַנג און אַ צעהן מינוט וועל איך שוין זיין פערטיג!

גוט, איך וועל געהן מיט אייך! — האָט ער געזאָגט — איך בין טשיקאַווע צו וויסען, וואָס איהר האָט מיר צו זאָגען! שוין ושע מיינט איהר טאַקי, אַז דער יוד וויל מיך אָפנעהמען, און אַריינפיהרען אין אַ בלאָטע?

— זעלבסטפערשטענדליך! — האָט געענטפערט דער אונבעקאַנטער, שפּרייענדיג לע'ם דעם איטאַליענער — אַהרן פראַנק איז אַ כיטרע יוד! ער האָט בדעה צו מאַכען אַ גוט געשעפטעל, פערקויפענדיג דעם גראַף די בלאָנדע ווייבעל, וואָס זיצט ביי איהם אין קעלער!

— וואָס הייסט? אויך דאָס ווייסט איהר? — האָט זיך פיעטראַ פערוואונדערט — צום טייוועל, ווער זענט איהר עס, וואָס איהר ווייסט אַלע סודות פון דעם יודען?

ס'איז אייך נישט קיין נפקא-מינה ווער איך בין! מאַלט אייך, אַז איך בין אהרן פראַנק'ס ערגסטער שונא, און איך וויל אוודאי קאַליע מאַכען אַ משא ומתן, האָבענדיג אַ מעגליכקייט דערצו! מיט איין וואָרט, ווי עס זאָל דאָרט נישט זיין, זענט איהר אַ פערפאַלענער מענש, ווען איהר וועט פרובען אַריין אין נראָדשין מחמת פראַנק האָט אָנגעריכט אויף אייך דעם גראַף באַטיאַני, און איהם פערזיכערט, אַז איהר זענט אַ פּרייס שער שפּיאָן! ווי נאָר איהר וועט אַריינקימען אין שלאָס אַריין, וועט מען אייך כאַפּען און אַריינזעצען אין טורמע!

דער פּע-פּוּלכטער יוד וועט מיר דערפאַר גוט בעצאָהלען!

— האָט פיעטראַ אַ קריך געטון מיט ציינער, ביילענדיג די פויסטען, און מאַכענדיג דערביי אַזאַ ברייטע בעוועגונג, אַז דער פלאַשטש האָט זיך איהם אָפגעפּענט, און דער אונבעקאַנטער האָט דערזעהן דאָס פעקעל וואָס ער האָט מיטגעטראָגען.

— וואָס טראָגט איהר עס דאָ? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— וואָהרשיינליך האָט אייך פראַנק געגעבען עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל נאָך דערוועקען אַ שטאַרקערען פערדאַכט צו אייך!

אין דעם דאָזיגען פעקעל געפינט זיך אַ יודישע קאַפּאָטע, אַ קאַפּעל און אַ פאַלשע געלע באָרד! — האָט פיעטראַ געענטפערט — מיט דעם דאַרף זיך בענוצען דער גראַף באַטיאַני, כדי מ'זאָל איהם נישט דערקענען, ווען ער וועט בעזוכען פראַנק'ס הויז אין דער געטאָ!

— העֶר.. אַזוי! — האָט חוכ'דיג אַ זאָג געטון דער אונבעקאַנטער — צו שטויסט איהר זיך נישט אָן וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך? דער יוד וויל אַז מ'זאָל ביי אייך געפינען אַ קאָסטיום צום איבערטון זיך! וואָס פערשטעהט איהר נישט, אַז דערמיט גיט איהר זיך אַליין אַרויס!

— צו אַלע רוחות! — האָט פיעטראַ בייז אַרויסגערעדט — איצט וועל איך שוין נישט קריכען אין זיין נעץ אַריין!

ער האָט געוואָלט אַוועקוואַרפען דאָס פעקעל אויף דער גאַס, נאָר דער אונבעקאַנטער האָט איהם דערפון צוריקגעהאַלטען.

— וואַרט נאָר! — האָט ער געזאָגט — בעהאַלט דעם מלבוש, און ער וועט מיט דער צייט צונוץ-קומען! שאַ! אָט איז דאָס שענקעל! קומט'ס אַריין!

וואָס איז, אין דעם דאָזיגען פערוואָרפענעם הייזעל געפינט זיך אַ טראַקטיר? — האָט זיך פיעטראַ פערוואונדערט וואַרפענדיג אַ בליק אויפ'ן קליינעם הייזעל. וואָס איז געשטאַנען נישט בעלויכטען ביים ברעג טייך — ס'איז עפּיס גאָר נישט ענליך אויף אַ שענק! נישט קיין לאַמטערן איז דאָ דאָ, נישט קיין שילד! עס מאַכט עפּיס דעם איינדרוק, ווי דאָ וואָלטען איצט נישט געוואוינט קיין מענשען, ווי דאָס הייזעל וואָלט געווען אין גאַנצען פערלאָזט!

און פונדעסטוועגען, זעהט איהר, איז עס יאָ אַ שענק! — האָט איהם דער אונבעקאַנטער איבערגעשלאָגען די רייד — דער בעל הבית, פערשטעהט איהר מיך, נעמט אויף זיינע געסט אין די הינטערשטע צימערן! איהר וועט זיך באַלד אַליין איבערצייגען ס'אַרא פרעהליכע קאָמפּאַניע דאָרט קומט זיך צוזאַמען!

פיעטראַ האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ, ווייזט אויס אַ בעטרינגטער פון דער דאָזיגער ערקלערונג.

דער אונבעקאַנטער האָט אָנ'געפּען געטון די אַריינגאַנגס-טיר. דאָס פארהויז איז געווען בעלויכטען פון אַ קליין לעמפּעל.

בעת'ן אַריינגעהן האָט פיעטראַ פאַקטיש דערהערט אַ פרעה-ליכען, און דערזעהן ליכט אין איינער פון די טירען.

אַ חוץ דעם האָט זיך פון דאָרט געהערט אַ געקלינגער פון גלעזער, אַ פון דאַמענ-ביינדלעך, און דאָס קלינגען פון גאָפּעל-מעסער.

איצט זעהט איהר שוין אַליין — האָט דער אונבעקאַנטער בעמערקט — אַז איהר געפינט זיך פאַקטיש אין אַ שענק!

— ריכטיג! — האָט זיך אָפגערופען דער איטאַליענער — אַזאַ מוזיק קאָן מען הערען נאָר אין אַ שענק! ווי הייסט ער?

דער אונבעקאַנטער האָט נישט גלייך געענטפערט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָוועקגעלעגט דעם איטאַליענער די האַנד אויף דער פּלייצע, און איינגערוימט איהם אין אויער:

— דאָס שענקעל הייסט: „די בלוטיגע נקמה"!

פיעטראַ האָט פער חידוש אַ קוק געטון אויף זיין בעגלייטער.

— אַ מאָדנער נאָמען! — האָט ער אַרויסגערעדט — איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ נאָמען! איבעריגענס איז עס נישט דער עיקר! זאָל נאָר דאָס משקה'לע זיין אַ וואויל'ס און די קאָמפּאַניע אַ פרעהליכע!

— עס וועט אייך זיין זעהר פרעהליך! — האָט דער אונבעקאַנטער געענטפערט — עס וועט אייך זיין אַזוי פרעהליך, ווי קיינמאָל נישט! און דער ווײַן אַזאַ רויטער, ווי בלוט פונקט וועט זיך אין דעם הייזעל אַ גאָס טון, ווי פון אַ צאַפּען!

דער אונבעקאַנטער האָט געעפענט איינע פון די טירען, און איז אַריין צו אַמאָל מיט פיעטראָ'ן אין אַ העל בעלויכטענעם צימער.

ביי דעם איטאַליענער איז גאָר קיין ספק נישט געווען, אַז ער געפינט זיך נישט ערגיץ אנדערש, נאָר דוקא אין אַ שענק.

ביי די טישלעך זענען געזעסען עטליכע מענשען.

עפּיס אַ יונגע שעהנע פרוי האָט צוגעטראָגען צו די טיש-לעך באָקאַלען און גלעזער.

אמת, אַ סך געסט איז דאָ נישט געווען — אינגאַנצען פיר פערשוין. זיי האָבען כמעט ווי נישט בעמערקט דאָס אַריינקומען פון די נייע צוויי געסט, און נישט איבערגעריסען זייער לעב-האַפטען שמועס.

דער אונבעקאַנטער האָט פאָרגעלעגט דעם איטאַליענער, ער זאָל זיך אַוועקזעצען ביי אַ פרייעם טישעל, אויסטון דעם פלאַשטש און אָפּלעגען דאָס פעקעל.

פיעטראַ האָט זיך געמאַכט בעקוועם, און דער אונבע-קאַנטער האָט זיך אַוועקגעזעצט לע'ם איהם.

דער אונבעקאַנטער גופא האָט זיך, צוליב עפּיס אַ סיבה, נישט אויסגעטון — נישט דעם פלאַשטש און נישט דעם ברייטען קאַפּעלוש.

— הערט נאָר: — האָט ער אַ רוף געטון די בעדינערין — ברענגט מיר נאָר אַהער פון דעם ווייַן, וואָס איך האָב ליב!

די יונגע פרוי האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ, און איז אַוועק אין צווייטען צימער.

זי איז באַלד צוריקגעקומען, טראָגענדיג אויף אַ בלעכער-נער טאַץ צוויי גרויסע באָקאַלען. ווען פיעטראַ האָט זיי דער-זעהן, האָט ער אַ שמייכעל געטון פאַר הנאה.

די פרוי האָט אַוועקגעשטעלט דעם טאַץ מיט די באָקאַ-לען אויפ'ן טיש און איז אַוועק אין אַ זייט.

פיעטראַ האָט זעהרנע אַ כאַפּ געטון איינעם פון די באָ-קאַלען, און האַסטיג צוגעטראָגען איהם צום מויל... ער האָט האָט איהם אָבער תיכף צוריק אַוועקגעשטעלט.

— וואָס איז עס פאַר אַ כיבוד! — האָט ער זיך פונאַנדער-געלאַכט — באָקאַלען האָט מען געבראַכט, און קיין ווייַן איז נישטאָ! וואו איז ווייַן?

— אָט האָסטו דיר ווייַן! — האָט מיט אַ דונערדיגער שטים אויפגעשריגען דער אונבעקאַנטער.

און, איידער פיעטראַ האָט בעוויזען אָפּצושפּרינגען אין אַ זייט, האָט דער אונבעקאַנטער אַרויסגעכאַפּט זיין קינזשאַל, און אַרייַנגעשטאָכען איהם אין דער ברוסט פון זיין בעגלייטער.

דאָס בלוט האָט הויך אַ שפּריץ געטון.

דער אונבעקאַנטער האָט דאַן אַ כאַפּ געטון איינעם פון די באָקאַלען און געהאַלטען איהם אויף אַזאַ אופן, אַז ער איז אין אַ ווייַלע אַרום פול געוואָרען מיט בלוט.

(פאָרטזעצונג קומט)

הומאָר **דער קונדס** סאַטירע

עשרת הדברות פאַר מיידלעך, וואָס פאָהרען אויף דאַטשעס.

1) פאַרבט נישט די ליפּען. 2) שוואַרצט נישט די ברעמען 3) פודערט נישט די נעזער. 4) ברענט נישט די דעקאָלטע. 5) מאַכט נישט קיין ראַנד-קעס. 6) שערט זיך נישט „אַלאַ גאַרסאָן". 7) לויפט נישט נאָך יונגלעך. 8) נעמט נישט ביי זיי קיין באָנבאָניערקעס. 9) גלויבט נישט די ליבעס-דערקלערונג. 10) סיי-ווי וועט זיך פון אַלץ אויס-לאָזען אַ בוידעם.

אונזער אמנעסטיע.

אין צוזאַמעהאַנג מיט דער רעגי-רונגס-אמנעסטיע פּלאַנט דער „קונדס" צו פּראָקלאַמירען פאָלגענדע אַמנעסטיע:

1) שענקען אַלע סוחרים און פאַב-ריקאַנטען, וועלכע זענען בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, די פאָלגענדע שטייערען.

2) נישט בעשטראָפען די שטאַרק-דעקאָלטירטע פאַר'ן אויפרייצען די בע-פעלקערונג...

3) נישט פערפיהרען קיין ליכוויצ-פּראָצעסען קעגען בחורים, וועלכע פערלאַנגען אַ צו גרויסען נדן.

4) קיינעם נישט צוציהען צו גע-ריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר'ן אויספיהרן אַנ'אַטענטאַט אויף זיך אַליין.

5) נישט בעשטראָפען די שדכנים פאַר'ן האַנדלען מיט „אַלטוואַרג" אָהן קאָנצעסיעס.

ראַנדעוואו.

ער: ווי טרעפען מיר זיך מאָרגען?

זי: אין ראַזורע.

ער האָט אויסגעפיהרט.

אין אַ לאָדזער קינא איז אַריינגע-קומען אַ מאַן און זיך אַוועקגעזעצט מיט'ן הוט אויפ'ן קאָפּ. הינטער איהם איז געזעסען איינער, אַ קורצער און ער האָט נישט געקענט גאָרנישט זעהן צוליב יענעמס הוט.

— מיין הער, — האָט ער געזאָגט, — נעמט אַראָפּ אייער הוט

— איך וויל נישט, — האָט יענער געענטפערט.

דער קורצער מאַן האָט צוגערופען אַ דינער און איהם געזאָגט, ער זאָל דעם מאַן הייסען אַראָפּנעמען זיין הוט.

— איך וועל מיין הוט נישט אַראָפּ-נעמען — האָט דער מאַן געענט-פערט גראָב.

דאַן האָט דער דינער מיט כח אַראָפּ געשליידערט דעם מאַנס הוט און עס איז געפאַלען צו דער ערד.

אַנשטאָט זיך צו געפונען בעליידיגט האָט דער מאַן זיך צולאַכט:

— אַהאַ, ווער האָט אויסגעפיהרט? איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל דעם הוט נישט אַראָפּנעמען.

גאָר קיין חידוש נישט...

אין „טעאַטראַלקע" קומט אַריין אַ פּאָליאַק און זעהט, ווי זיין יודישער שכן בעאַרבייט מיט גרויס כונה אַ היפּ-שע פּאַרציע חזיר.

— ה' מייבוים, איהר עסט דאָך מיט אַזאַ אַפּעטיט חזיר?! — רופט אויס דער גוי.

— וואָס איז דען דער חידוש? — ענט-פערט דער יוד — מיר האָבען עס דאָך שוין אַזוי לאַנג נישט געגעסען, גאַנצע 5 פּויזענד יאָהר עס נישט געגעסען!

איבערגעקעהרט דער מוח.

איינער קומט אַריין צו אַ סוחר. גע-פינט ער איהם שוין דאַוונענדיג, זעהט ער ווי דער סוחר טראָגט דעם תפילין של ראש אויף דער פּאַטילניצע און דעם „קשר" אויפ'ן שטערן

— וואָס איז דאָס? פאַרוואָס טראָגט איהר דעם של ראש פערקעהרט? — פרעגט דער גאַסט.

— צוליב די שלעכטע געשעפטען האָט זיך ביי מיר דער מוח איבערגע-קעהרט, און די פּאַטילניצע האָט זיך ביי מיר איבערגעדרעהט פון פאָרנט — ענטפערט דער סוחר.

עצות פאַר פרויען.

אַ פרוי דאַרף נישט חתונה האָבען צוליב געלד. אָבער אַזאַ קליינגקייט ווי געלד דאַרף איהר נישט שטערען חתונה צו האָבען דוקא מיט אַ רייכען מאַן

אַ פרוי דאַרף נישט מקנא זיין דער מוטער חוה, וואָס זי איז געווען אין גן עדן. זאָל זי בעדענקען, אַז חוה האָט נישט געקאָנט ווייזען דער מענערשאַפט איהרע זיידענע זאָקען.

אויב פאַלשע ציין דאַרף מען אַלע פריהמאָרגען אַריינשטעלען, וואָלט מען בעדאַרפט אַ פאַלשע צונג אַלע פּ יה-מאָרגען אויסשניידען.

אָבליגאַטאָריש.

צוליב די אָפטע רעגירונגס-קריזי-סען איז אויפגעשוואומען אַ פּלאַן איינ-צופיהרען אַלגעמיינע אָבליגאַטאָרישע מיניסטאָרען-פּליכט.

אַ בעזיי.

— ווי איך פערשטעה איז דיין טאַטע געווען אַ גרויסער גביר.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס?

— ווייל איך האָב געהערט זאָגען, אַז ער איז געווען אַ גרויסער דבר אחר

עס איז אַ געשמאַק-זאַך.

דענקסטו נישט, אַז טשאַרלי האָט וואונדערבאַרע אויגען?

— יאָ, אָבער אויף מיר האָבען זיי-נעליבען געמאַכט אַ בעסערען איינדרוק..

מען עסט נאָכ'ן מויל.

— מאַריץ, עס איז נישט שעהן צו עסען אַזוי שנעל: זעה גיב אַ קוק: דו כאַפּסט דריי ביסען ברויט אין דער צייט וואָס איך נעם איינעם

— מיין ליבע פרוי — האָט מאַריץ געענטפערט, דו פערגעסט אָבער אַז דיין מויל איז דריי מאָל אַזוי גרויס ווי מיינער.

איך האָב אַ כור-אָרט אין דער היים.

1) אין מיינע קעשענעס בלאָזען סיי-ווי קאַלטע ווינדען.

2) איך באָד זיך אין ים פון חובות.

3) כ'האַלט זיך אין איין צערען, ווייל ס'איז נישטאָ וואָס צו אכל'ען.

צווישען סוחרים.

— ווי גייט'ס?

— אַ דאַנק גאָט, בעסער ווי פריהער.

— מסתמא האָט זיך אָנגעהויבען צו לייזען אין געשעפט?

— ניין, ווייל איך האָב ליקווידירט דאָס געשעפט. י. וו.

אַ האָפנונג איז יאָ דאָ.

פרוי — איז שוין גאָרנישט קיין האָפנונג פאַר מיין מאַן?

דאָקטאָר — אוודאי איז דאָ. ער מוז אָבער האָבען אַ מילדערען קלימאַט און אַ מילדער ווייב!

ער האָט געפונען דאָס שרייבפעל

קינד — מאַמעשי, איך האָב געפונען דאָס שרייבפעל, נאַ דיר עס אָט.

מוטער — איך דאַרף עס נישט האָ-בען.

קינד — דער טאַטעשי זאָגט דאָך, אַז ביי דיר אין קאָפּ פעהלט אויס אַ שרייבפעל.

ציימונגען מעלדען אַז —

איינער האָט דערפונדען אַ מאַשין, וואָס רעדט, ווי אַ מענש — צי מיינט ער נישט מיין ווייב?

אין רוסלאַנד ווערט געגרינדעט אַ ציגיינער-רעפּובליק —

אָרימע ציגיינער נעבעך: זיי וועלען ערשט דאַרפען לעבען, ווי אַלע ציוויליזירטע פעלקער.

פּראָפעסאָר שטייַנאַך האָט אָפּערירט און יונג-געמאַכט אַנ'אַלטען מאַן, וועלכער קלערט שוין אַפילו וועגען פון אַ שידוך —

אויב שוין יאָ יונג-מאַכען — האָט מען זיין שכל אויך געדאַרפט אָפּערירען...

דער דאָלאַר האַלט שוין אונטער צעהן — און דאָך טויג עס אויף צעהן...

י. וועקסל.

קונדסערייען.

ד"ר וויצמאַן, זאָגט מען, איז אַ גרויסער פריינד פון מאָשטשיצקי.

מילא, די ציוניסטען אין פּוילען האָ-בען מיר שוין בעזאָרגט, אָבער וואָס טוט מען מיט די יודען?

זינט דער מלחמה האָבען זיך אין אונגאַרען געשמד'ט 20,000 יודען.

אָט דערפאַר איז איצט אין אונגאַרען, לויט די בלעטער שרייבען, אַזאַ טרי-קעניש: אַז דאָס גאַנצע וואַסער נעהמט דאָרט אַוועק אויף טויף-וואַסער!

ראטעוועט דאס געזונד!

די גרעסטע וועלטליכע מעדיצינישע פערזענליכקייטען האבען בעשטעטיגט, אז 75 פראצ. קראנקהייטען שאפען זיך פון עצירות.

א קראנקער מאגען איז די הויפט-סיבה פון די פערשידענסטע קראנקהייטען, פערארזיינריגט אס בלוט און שאפט א שלעכטע שטאף-ווערקסלונג.

די בעוואוסטע פון 48 יאהר אויף דער גאנצער וועלט

ZIOŁA z GÓR HARCU D-ra Lauera

ווי עס האבען בעשטעטיגט די פראפעסארען פון בערלינער אוניווערזיטעט ד"ר א לעידען, ד"ר מארטין, ד"ר האלפלעסטער און א סך אנדערע בערימטע דאקטוירים, זענען אן אידעאל-מיטעל אויף געזונד צו מאכען דעם מאגען, פערניכטען דאס עצירות (פערהארטונג), זענען דאס אונפערגלייכליכסטע אפ-ריינינגונגס-מיטעל, פערלייכטערן די פונקציע ביי די פערדייאונגס-ארגאנען, פערשטארקען דעם ארגאניזם און ערוועקען אן אפעטיט.

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera פערניכטען דאס ליידען אויף דער לעבער נירען, גאל-שטיינער, העמארוידען, רעומאטיזם און ארטרעטיזם, קאפוועהטאג, אויסשלאגונגע און לישאיעס

Zioła z Gór Harcu D-ra Lauera זענען בעשענקט געווארען אויף דן דאקטוירים-אויסשטעלונג מיט אייזצייכנונגען און גאלדענע מעדאלען און פאדען, בערלין, חונען, פארוז, לאנדאן און א סך אנדערע שטעדט. טוזענדער דאנקזאגונגע האט בעקומען ד"ר לאוער פון אויסגעהיילטע פערזאנען.

פרייז פון א האלבע שאכטעל 50 ז, דאפעלטע שאכטעל 2.50

פערקויף אין אפטייקען און אפטייק-סקלאדעס

בעמערקונג: היט אייך פאר אהנגעמאכטע נאכמאכונגען.

רעפרעזענטאנט אויף פוילען: Józef Grossman, Warszawa, Chmielna 49

ערשטקלאסיגער נאטורעלער

טיש, וויין און מארניר-טסיג

אין פעסלעך און אין פלעשלעך אויסארבייטונג פון דער פיר.

Zakłady Przemysłowe WINKELHAUSEN, Tow. Akc. Starogard (Pomorze).

עמפפעהלט דער סקלאד

נ. הערצבערג, לאדז, נארוטאוויטש 32, טעל. 13-59

צו בעקומען איבעראל! 350 צו בעקומען איבעראל!

פרישט אויף און היילט די פיס,

בעזייטיגט תיכף די וועהטאגען און אדטשיסקעס.

דאס איינציגע אידעאלע קאסמעטישע מיטעל איז אין אויסלאנד זעהר פערשפרייט, בעזייטיגט ראדיקאל די אממייסטענס פערעלטערטע **אדטשיסקעס, אלע ארט פערהא טינג פון דער הויט און געשווילעכץ.**

עס גענוגט צו נעהמען איין זאלץ-באד "**SANITAS**", און דאס געשווילעכץ און די אדטשיסקעס פערשווינדען מיטאמאל דאס אינאנגענעהמע **היצען פון די פיס** פערשווינדעט, בראנישע און פייגליכע וועהטאגען הערען תיכף אויף. דאס אמעריקאנער קאסמעטישע זאלץ צו די פיס "**Sanitas**" מיידעט אויס דאס **אבריבען און דאס שוויצען פון די פיס** און בעזייטיגט דעם אונאנגענעהמען ריח פון שווייס. דאס אמעריקאנער קאסמעטישע **זאלץ צו די פיס "Sanitas"** איז א פרעפאראט צוזאמענגעשטעלט לויט אלע היגיענישע פאדערונגען, וועלכע אנטהאלטען גישט קיין שום שעדליכע סובסטאנצען. בעדער מיט אמעריקאנער זאלץ "**Sanitas**" שטארקען די מוסקולען און די אדערן פון די פיס, מאכענדיג זיי פאר פעהיג צו די גרויסטע מארשען אהן דעקזיכט אויף ענגע שיך. א פעקל אמעריקאנער זאלץ צו די פיס "**Sanitas**" קאסט **2** זלאטעס.

צו בעקומען אין אפטייקען און סקלאד-אפטעטיקעס.

בעמערקונג: היטען זיך פאר אהנגעמאכטע נאכמאכונגען יעדעס פעקל זאלץ צו די פיס "Sanitas" איז פערזעהען מיט א פאבריקס-מארקע "**Lew**"

פערטרעטער פאר פוילען:

JÓZEF GROSSMAN

598 Warszawa, Chmielna 49.

רעטשניצע פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

בושעזשינער 11, טעל. 37-63

אפען פון 9 פריה ביז 7 א ענד

ד"ר וואלינס י	נאז, האלז, אויערן-קר.	4—3
ד"ר הערשנער	קינדער-קראנקהייטען	10,30—9 5.30—4
ד"ר שיפמאן	אינערליכע קראנקה.	12—10 6 5
ד"ר לובישש	הויט-און געשלעכט קר.	1—11
ד"ר שמירגעלד	נערווען און גייסטיגע קר.	2—12
ד"ר גאלדבלאט	אויגען-קראנקהייטען	2-12.30
ד"ר עליאסבערג	כירורגישע קראנקה.	3—1
ד"ר בערגסאי	פרויען און געבורט-הילף	4—3

בסולא-טעראפיע, שפר ד-שטערונגען ווי שטאטלען א. ז. ח. פאקען-שטעלען, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראהלונג איינ-שפריצונגען, מאסאזשען, עלעקטריזאציע, אפעראציעס. אויף פערלאנג — וויזיטען אין שטאט. — אין לאבאראטאריום ווערען אנגענומען אלע ארט אנאליזען, ווי אוריך פלעגמא און בלוט. 2170

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען א

דענטיסטישער קאבינעט

עס נעהמען אן:

ד"ר זילבערשטיין	צאהן-ארצט	9 2 נ.מ.
ד"ר לאזשינסקא סטאראזשאלסקא	צאהן-ארצט	7.30—3

קינסטליכע ציינער, קראנען, פאסטען א. אז. וו.
די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאג.
חיזיט 3 זלאטעס.

רעטשניצע (פאר קומענדע קראנקע)

"SALUS"

פון דאקטוירים ספעציאליסטען און ערצטליך דענטיסטישער קאבינעט

גלובנא 41 טעל. **46-65**. איז טעטיג טעגליך פון 9 פריה ביז 8 אין אוונט, זונטאג — פון 9 פריה ביז 2 נאכמ.

ד"ר ז. ראקאווסקי	אויערן האלז און נאז-קראנקהייטען	פון 1 - 12
ד"ר לאנדקאה	אינערליכע קראנקהייטען	פון 1 – 2 און פון 5 – 7
ד"ר דינענזאהן	קינדער-קראנקהייטען	פון 11-12 און 4,30-6
ד"ר ווייס	כירורגישע קראנקהייטען	פון 1 – 2 און פון 6,30-7,30
שמערלאווסקי	פרויען-קראנקהייטן און אקושעריע	2,30 3,30, 5.30-6.30 זונטאג פון 12 - 1
" זילבערשטראם	הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקה	פון 11.30-1 און 7-8
ד"ר גאלדבערג	אויגען-קראנקהייטען	פון 10.30 - 12.30
ד"ר גאלדרינג	אינערליכע קראנקהייטען	פון 11-12 און פון 3-5
צאהן ארצט פרוי לאנדקאה סט. נעלבערג	צאהן-און מויל קראנקהייטען	9.30—12 און פון 4-7 12-2 און פון 7-8

אפאטרונקעס, אפעראציעס, איינשפריצונגען, פאקען-שטעלען. אלערליי אנאליזע, (ווי אורין, פלעגמא, בלוט אז"וו) דורכלייכטונגען און רענטגען א יא נאהמען. קורס פאר שטאמלער. געבורטס-הילף בעראטונגען פאר מו טערס. קינסטליכע ציין, קראנעס, גאלדענע בריקען, פלאטען א. אז וו.

ספעציעלע קורסען פאר שטאמלער

חיזיטען אין שטאדט.

רעטשניצע פון דאקטוירים-ספעציאליסטען

און ערצטליך-דענטיסטישער קאבינעט

זגיערסקא 17, טעל. 16-33.

ד"ר ראקאווסקי	נאז, האלז, אויערן קר.	11-10 3-2 $7\frac{1}{2}$-$6\frac{1}{2}$
ד"ר רוזשאנער	הויט-און געשלעכט קר.	11—10 2—1
ד"ר גאלדשטיין-פאראק	אויגען-קראנקהייטען	2-1 8-7
ד"ר יוסטמאן	נערווען קראנקהייטען	12-1 7-8
ד"ר ראזענצווייג	קינדער-קראנקהייטען	10-12 4-5
ד"ר פאפיערני	פרויען-און געבורט-הילף	$11\frac{1}{2}$-1 5-6
ד"ר קאנטאר	כירורגישע-קראנקהייטן	3-4 ז.1-2
ד"ר וויינבערג	אינערע הערץ לונגען-קר.	11-1 $5\frac{1}{2}$-7
ד"ר סטופעל	רענטגען	4-6 10-12
ל. פרוסאק	צאהן-ארצט	2—10
נ. ראזעס	צאהן-ארצט	4—7

צאהן-באהאנדלונג, בעלייכטונגען, קראנען, פאסטען, א או. ח.

ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געווארען

רענטגען-אינסטיטוט

היילונג פון הויט-קראנקהייטען פון קאפ (פארך) מיט רענטגענשטראהלען, פאר בעשטראהלונג און דורכלייכטונג, קווארץ-לאמפע, דיאטערמיע, עלעקטריזאציע, אלע מעגליכע אנאליזען. א קורס פאר שטאמלער.

אנמעלדונגען נעמט שרייבער (שקארלאטין) פון 4—5 נאכמ.

די לעטשניצע איז אויך אפען זונטאג.
חיזיט אין דער שטאט.

מעבעל

שלאפצימערן, עסצימערן, מעדכען-נאבינעטען, פארצימערן, קוכען-איינריכטונגען ווי אויך איינצעלנע מעבעל-געגנשטאנדען צו צוגענגליכע פרייזען אויף בעקוועמע בעדינגונגען קען מען בעקומען נור אויף

5 Zawadzka 5 (אויפ'ן הויף) 665

Dr. med.

WOLF EYCHNER

Zgierska 38, tel. 34-72

טפעצ. פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען.

נעמט אן פון 6 ביז 8 אוונט.

פון 12 ביז 1 בייטאג אין דער לעטשניצע אויף נייערם מארק, פעטריקאווער 294.

וויכטיג פאר קלעמפנער!

צינבלעך, פערצינקט אייזנבלעך, הייסבלעך, מעש און קופערבלעך, צין, בליי, מעש-און קופער-רויהרען, שטאנגען און דראט, דאכפאפע, נעגעל א. אז. וו.

— די ביליגסטע טאגעס-פרייזען! —

A. Arnstein,

NARUTOWICZA (Dzielna) 7. Tel. 313 i 23-44.

יעדער איינציגער האט זיך איבערצייגט, אז פאר

מעבעל

דרייאנעס, פעלצען, ניי מאשינען, גארדעראבען א. ז. וו.

צאהלט די העכסטע פרייזען

א. ווייצמאן נארוטאוויטש 19 (דזיעלנא)

אין מעבעל-געשעפט, (פרייזאס-וואלינגע שענקווויטש 29 ביי מיר איז שטענדיג פערשיד. געניצטע מעבעל קען מען בושטאנד צו פערקויפען 1374

שייטל ען

פון פערשידענע קוואליטעטען האאר, פערש. מאדערנע אויסארבייטונג, רעיעלע בעהאנדלונג. צו בעקומען קאמיענא 5, 2-טען הויף לעצטען איינגאנג 2-טען שטאק ביי בצלאל פארושעצקי.

זכרונות וועגען הרב אלי׳ חיים מייזעל זצ״ל

95 בעאַרבײַט ספּעציעל פאַר׳ן „נ. פאָלקסבלאַט״

דער אַלטער האָט שווער געאָטעמט און האָט ווייטער דער־צעהלט:

— מיינע ליידען זענען געוואָרען וואָס אַ מאָל גרעסער. מיין געוויסען האָט מיך נישט געלאָזט רוהען און האָט מיר אונ־טערגעזאָגט: דו ביזט געוואָרען אַ יוד. געגען דיין ווילען ביזטו אַ קריסט, געגען דיין ווילען קוקסטו זיך צו צו אַלעם וואָס קומט פאָר ביי דיר, דיין זיהן האָסטו שוין פערלוירען, איהם וועסטו מעהר נישט אויסבעסערן, וזה־זשע כאָטש צו פערזאָרגען דיינע אייניקלעך, וזעה, אַז זיי זאָלען צוריקקעהרען צו דעם שטאַם, פון וועלכען דו אַליין קומסט אַרויס.

וואָס האָב איך אָבער געקענט טון, איך, אַן עלענדער מענש, צווישען בלויז קריסטען, אָהן אַ קרוב, אָהן אַ גואל. מיין האַרץ איז שטענדיג געווען מיט מיין פאָלק. איך האָב דעריבער אָנגענו־מען אַן ענטגילטיגען בעשלוס צו פערלאָזען מיינע געשעפטען, צו נעהמען די קינדער, אַוועקפאָהרען צווישען יודען און בערוהיגען מיין אייגען געוויסען. אַזוי האָב איך געטון. מיין זיהן איז געווען זעהר צופרידען, וואָס איך האָב איהם די קינדער צוגענומען, עלעהיי ער וועט קענען מעהר הולטייען און וועט נישט דאַרפען זאָרגען פאַר זיי. איהם איז אפילו אויף די געדאַנקען נישט גע־קומען מיט וואָס פאַר אַ צוועק איך נעהם צו די קינדער. איך בין אַוועק אין די נאָהענטסטע שטאָט. דאָרט האָב איך מיר דערוואוסט וועגען אייך, רבי, וועגען אייער טעטיגקייט און גרויס רחמנות צו אַלע די, וועלכע ווענדען זיך צו אייך נאָך הילף און אָה, שום נאָכטראַכטעניש בין איך געקומען קיין לאָדז. איך האָב מיך טאָ־קע נישט אָפגענאַרט. איך האָב דאָ געפונען ביי אייך שוץ און אויפנאַמע. איך האָב מיך אונטער אייער פאָטערליכער וואָרימקייט אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו בערוהיגען אָבער...

דעם קראַנקען האָט פערפעהלט אָטעם, ער האָט איבערגע־ריסען זיין ערצעהלונג און זיך געווישט די טראָפּענס שווייס וואָס האָבען אַרויסגעשלאָגען אויף זיין שטערן. דער רב האָט אַרויפ־געלעגט זיין האַנד אויף דעם קראַנקענס קאָפּ, אָבער נישט אי־בערגעריסען די טראַגישע ערצעהלונג אפילו מיט איין וואָרט.

— אָבער וואָס איז די פעולה פון דעם אַלעם, האָט דער קראַנקער ווייטער גערעדט מיט אַ הייזעריגער שטים, אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט, אַז ער אַליין זאָל זיין שטים נישט דערהערען. איך בין ווייטער אַ קריסט, דאָס שרעקליכסטע איז דאָך ביי מיר געבליבען און ס׳געהט נישט אָפּצושאַצען דאָס. איצט וועל איך בקרוב שטאַרבען און אַלע וועלען זיך דערוויסען וועגען מיין שרעקליכען סוד. אַלע יודען דאָ האָבען מיר אַרויסגעוויזען אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט און ליבע און איצט וועט מען מיך בע־גראַבען אויפ׳ן פּראַוואָסלאַווונעם בית־עולם. אָבער דאָס איז נאָך נישט דאָס שרעקליכסטע. איך מוז אָפּקומען פאַר מיינע לאַנגע יאָהרען זינד, אָבער וואָס וועט זיין מיט מיינע אייניקלעך, זיי זענען דאָך שוין דערוואַקסענע בחורים, זיי פערשטעהן דאָך שוין אַלץ אויסגעצייכענט.

וואָס וועט זיין, ווען זיי וועלען זיך דערוויסען דאָס זיי זענען קריסטען? צי וועלען זיי נישט פערלאָזען די יודען און דאָס יודישקייט און פערשעלטען מיין אָנדענקען, ווייל איך האָב זיי אָפּגענאַרט. און אויב אַפילו נישט, אויב אַפילו זיי וועלען בלייבען ווייטער ביי זייער יודישקייט, צי וועלען זיי לעבען ווייטער אַזוי ווי איך און שטאַרבען אַזוי ווי איך? אָדער וועלען זיי ווערען אמת׳ע יודען? דאָס איז דער סוד, פאַרוואָס איך וויל נישט שטאַרבען אין לאָדז, נאָר אין אַ קליין שטעדטעל. איך וויל אַז קיינער זאָל נישט וויסען וועגען מיין סוד, אַפילו נישט מיינע אייניקלעך. נאָך מיין טויט, רבי, איז אייער אויפגאַבע זיך צו פערנעהמען מ׳ס׳ן ווייטער׳דיגען גורל פון די דאָזיגע 3 נישט־געוואָרענע יודען.

דער קראַנקער איז שטיל געבליבען. מ׳האָט געזעהען, אַז די דאָזיגע לאַנגע ערצעהלונג האָט איהם זעהר פיל כוחות גע־קאָסט. ער האָט בעראַבען זיין פנים אין קישען און שטיל גע־שלוכצט. דער רב האָט געהאַלטען זיין האַנד אויפ׳ן קאָפּ פון דעם קראַנקען און צוויי גרויסע טרעהרען האָבען זיך בעוויזען אין די גוטע, מילדע און מיט פול רחמנות אויגען פון ר׳ אליהו חיים.

דעם קראַנקען איז געוואָרען ערגער און ווי די דאָקטוירים האָבען ערקלעהרט דעם רב האָט מען אַ לאַדע טאָג געדאַרפט ערוואַרטען אַ קאַטאַסטראָפע. די אויפגאַבע פון רב איז געוואָ־רען זעהר אַ שווערע. דער רב האָט טיף אַריינגעדרונגען אין דער נשמה פון דעם אומגליקליכען מענשען און מיט אַלע מעג־ליכקייטען געפרובט לינדערען זיינע ליידען. כמעט יעדען טאָג האָט דער רב דעם קראַנקען מבקר־חולה געווען. ווען דער טאָג פון שטאַרבען האָט זיך דערנעהנטערט, האָט דער רב, נישט גע־בענדיג קיינעם קיין שום ערקלעהרונגען בעפוילען איבערצופיה־רען דעם קראַנקען אין אַ קליין שטעדטעל הינטער לאָדז. פאַר די אייניקלעך האָט עס געהייסען, אַז דער קראַנקער מוז האָבען פרישע לופט, דעריבער מוז ער אַוועקפאָהרען.

נאָך עטליכע טעג זיין אין דעם שטעדטעל איז דער קראַנקער געשטאָרבען.

(פאָרטזעצונג קומט).

28 | נאָר | 28 | נאָר | 28

קויפט נישט אייער

מעבעל,

דיוואַנעס, פעלצען, אַנצינער, ניי־מאַשינען אז״וו, בעפאָר איהר איבערצייגט אייך נישט ביי די לאַנג־עקזיסטירענדע פירמע

ח. ראָזנער, בענעדיקטאַ 28

נאָר איך צאָהל די העכסטע פרייזען!

בעמ.: ביי סיר אויף לאַגער שטענדיג פערשי־דענע געניצטע מעבעל און גוטען צושטאַנד. פרייזען צוגענגליכער, ווי איבעראַל!

28 | נאָר | 28 | נאָר | 28

„SANITAS״ לעטשניצע

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען (פאַר קומענדע קראַנקע) און ערצטליך דענטיסטישער קאַבינעט.

ציגעל־גאַס 29, טעלעפאָן 44-51.

נערווען קראַנקהייטען	ד״ר א. כאַצענעלסאָ	6-5 1-12
מאַגען און קישקע קראַנקהייטען	ד״ר ג. ראָזענבערג ״ ד. פריד	12-11 ,6-4 12-10 6 5 1-12
אינערליכע קראַנקהייטען	ד״ר י. איציכזאָן ״ ה. ראַכאָווסקי	7-6 11-10 5-4 12-11
קינדער קראַנקהייטען	ד״ר י. בעטשטע ״ וו. לאַהי ״ י. שטיינבערג	$5-3^1/_2$ $3^1/_2-2^1/_2$ 11 10 7-6 1-12
כירורגישע קראַנקהייטען	ד״ר ז. לעוונסאָן ״ ע. מאַרטכאָוויטש	3-1 6-4
פרויען און געבורט קראַנקהייטען	ד״ר ה. גוטשטאַדט ״ ב. מינץ ״ ל. שייעראָוויטש	8-6 1-11 9 8 1-11 5-3 11-9
נאָז האַלז און אויערן קראַנקהייטען	ד״ר י. אייזיק ״ ש. מאַלאָוויסט	$5^1/_2-3^1/_2$ $11^1/_2-10^1/_2$ 7-6 2 12
אויגען־קראַנקהייטען	ד״ר ג. גערשטיין ״ ע. ראָזענבלאַט	2-1 12-10 4-6 10-9
הויט, ווענערישע און נירען־קראַנקהייטען	ד״ר ס. קאַנטאָר ״ מ. לעווינסאָן ״ ל. פריבולסקי	$3^1/_2-2$ 11-9 8 6 1 12 $8^2/_2-7^1/_2$ זונט. ד״ט. דא. מאָנ. מיטוו. פ״ט 5 5^{30} ש. 2-1
רענטגען־פיזיקאַלישע טעראַפּיע און אָרטאָפּעדיע	ד״ר א. שטיינבערג	$5-3^1/_2$ 1-12
ציינער־ און מויל־קראַנקהייטען. נאַטור־קרונען און בריקען	צאָהן ד״ר צוקער ״ גרינשטיין־גאַרכאָווי פר. ד״ר שאַצקאַ ״ קרעניצקאַ־ציפּין	$^1/_2$2-12 12 9 $5-^1/_2$2 8-5

עלעקטראָטעראַפּיע, קוואַרץ־ליכט, דיאַטערמיע, אַלערליי אַנאַליזען, רענטגען, אַפּאַראַטען, אַפּאַראַטונקעס, איינשפּריצונגען, אימפּונגען, מעדיצינישע קאָסמעטיק, בלוט־אונטערזוכונגען. די לעטשניצע איז געעפנט פון 9 פריה ביז 9 אָוונט. זונטאָג פון 9 ביז 4. אַקושעריע־הילף בײַטאָג און נאַכט. וויזיטען אין שטאָדט. דוועריגע העלונג, רוז׳ט אָפּטיי.

שירם
אַ גרויסער אויסוואַהל שירם — פון — און שטעקענס

מיט 25 פראָצ. ביליגער, ווי איבעראַל!

צו בעקומען אין ווערקשטאַט פון **ס. פינגענבוים,** 19 נאַרוטאָוויטש 19.

בעמערקונג: ס׳ווערען אויך אָנגענומען אַלערליי רעפּאַראַטורען, ווי אויך איבערציהען. 324

געדענקט די אַדרעס: נאַרוטאָוויטש (רזיעלנאַ) 19.

וכי תמכור ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך אל תונו איש את אחיו!

אין מאַמער יאָ זאָלסטו קומען צו לויפען אין ביוראָ פּעטריקאָווער 18, וואו ס׳ווערט ערלעדיגט אַלערליי ביטען לויט׳ן אוסטאַוו, קלאָוזעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט און פוילען, אַפּעלאַציעס, אַפּאָזיציעס, אדמיני־סטראַציעס. רעקורסען־ וועגען קאָנצעסיעס אין קאָמיסאַריאַט־רזשאָנדו, ביטעס אין אַלע פּאָ־ליציי־בעצירקען, שותפות־אַקטען, סטאַטו־טען, אַקטען אינטערציזיעס, אַקטען דאָראַזיזיעס, קאַרנע ספּראַוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. 503

שנעל, רעיעל און ביליג!

פאַר 5 זלאָטעס
עלעקטריש בעלייכטונג אין שטוב!

אויף ראַטעס נור צו 5 זלאָטעס וועכענטליך בעקומט איהר ביי מיר נייע אַנלאַגעס און איבער־מאַכען פון אַלטע אויף נייע אַנלאַגעס, ווי אויך פערשידענע עלעקטראָטעכנישע מאַטער־יאַלען, ווארובקעס, גאַז־צילינדערן אַלעס צו זעהר ביליגע פרייזען. קומט, איבערצייגט אייך!

בעמערקונג: פיאַן פאַר קאַסע

מיט אַכטונג ח. סאָלניק,

ציגעל־גאַס 63 ובײַם פוילישען טעאַטער

פאַר 30 זל.
קען יעדער האָבען עלעקטריש־בעלייכטונג אויסגעפיהרט דורך דער פירמע

ש. פ. שמאַלעוויטש

8 פּאָלודניאָווא 8

מיט בעשטעטיגונג פון דער עלעקטראָוניע

וויכטיג פאַר הויזבעזיצער!

איהר שפּאָרט 80 פּראָצענט שטראָם.

אויסקונפט ווערט ערטיילט 489

באַנצעסיאָנירט דורך דער עלעקטראָזניע.

ווער סוויל האָבען אַ ליכטיג לעבען!
זאָל קומען בעוואוסטער פירמע צו דער

ב. ראָטביין
קאָנסטאַנטינער 3

וועלכע פיהרט אויס אַלע אַרט עלעקטרישע אַנלאַגען, ליכט און קראַפט גרויסער אויסוואַהל פון עלעק־טרישע אַרטיקלען. צו ערמעסיגטע פרייזען.

קומט און איבערצייגט אייך!

וויכטיג פאַר פריזער־אנשטאַלטען!
כ׳מאַך בעקאַנט, אַז אין מיין פּערפומעריע־געשעפט איז צו בעקומען קעלניש און בלומען־וואַסערן נור פאַר 5 זל. אַ ליטער, העזשעטאַל—3.50 זל, ווי אויך אַלע קאָסמעטישע אַרטיקלען פאַר פריזירערס.

י. דרוקער, זאַוואַדזקא 11.

SUDORYN

(w pudełkach z sitkiem)

jedyny wypróbowany środek usuwający

BEZPOWROTNIE POT i NIEMIŁĄ WOŃ z RĄK, NÓG i PACH

Labor. Chem. Farm.

„AP. KOWALSKI"

Warszawa-Miodowa 5

וויכטיג פאַר לעטניקעס!
בעפאָר איהר געהט קויפען, איבערצייגט אייך, — דאָס נאָר אין דער פאַבריק

ש. שוואַרצאָווסקי
24 פּאָלנאַצנאַ 24

בעקומט איהר שטענדיג אויף לאַגער אין גרויסען אויסוואַהל:

פאַטענטירטע פעלד־בעטען פון דער בעוואוסטער מאַרקע „Palma-Patent" מיט אַ גאַראַנטיע אויף 3 יאָהר,

מעטאַל־בעטען, לעזשאַקעס, האַמאַקעס, קינדער־בענקלעך, קינדער־שפּאַציר־וואָגענס צו 60 זל.

פעלד־בעטען מיט ווענטלעך צו 18 זל.

אַלעס צו קאָנקורענץ־פרייזען!

זאָל גאַנץ לאָדז וויסען, אַז דאָס
מעבעל־געשעפט
פון פּלאָכאָוויטש און רעכט

145 פּעטריקאָווער 145 אין הויף

האָט זיך פערגרעסערט און בעזיצט אויף לאַגער אַ גר. אויסוואַהל פון שלאָף־צימער, עס־צימער, ביוראָ־איינריכטונג, קוכע־מעבעל, ווי אויך איינצעלנע־געגענשטענדע אַלעס פון אייגענע אויסאַרבייטונג

בעמערקונג: מיר קויפען אויך געניצטע מעבעל און צאָהלען די העכסטע פרייזען. 387

פאַר באַר! אויף וועכסעל!

אויסאַרביי־טונג פון

שאַמאַט־איוועז
און איבערטראַנספּאָרטען רייטער־גאַס 29

האָט ערעפענט אַ פיליע אויף לוטאָמירסקאַ 7.

אינהאַבער: ה. בראַנדט. 700

בעמ: ס׳ווערען אָנגענומען אַלע אַרט רעפּעראַטורען און פּריוואַטאַרבייטען

Dr. med. H. BERGSON

אַקושער־גינעקאָלאָג

האָט זיך איבערגעזיידלט אויף

וואָלטשאַנסקאַ 16 טעל. 10-26.

נעמט אָן פון האַלב 6 ביז האַלב 7 אָוונט. 117

1661

Dr. med.

EYCHNER JAKÓB

Aleja I-go Maja 16, Tel. 11-24.

אינערליכע און קינדער קראַנקהייטען.

נעמט אָן פון 6—7 אין אָוו. זונטאָג פון 3—4 נמ.

ניַיער פאָלקסבלאט
.16 יולי 1926.

דאס לאָדזשער לעבען

ניַיער פאָלקסבלאט
.16 יולי 1926.

16 פרייטאָג ה אב תרפ"ו	יולי. זון־אויפגאַנג 4,10; זון־אונטערגאַנג 6,57; לענג פון טאָג 14,24; ליכט צינדען: 7,35

גוטע אויסזיכטען אין לאָדזשער מסחר און אינדוסטריע.

אויפלעבונג אין דער בוימוואָל־בראַנזשע – זומער און ווינטער־סעזאָן צוזאַמען. – אויך אין דער וואָל־בראַנזשע איז ערב אַ אויפלעבונג.

אויפ'ן לאָדזשער מאַנופאַקטור־מאַרק האָט זיך אין אַלגעמיין געבעסערט די לאַגע. טראָץ אַלע פּראָוויזעהונגען, האָט זיך איצט אַרויסגעשטעלט, אַז דער געברויך אויף סחורות איז שטאַרק געוואַקסען.

מען דאַרף דאַבּיי נעהמען אין אַכט, אַז איצט איז אייגענטליך דער אויסגעפּוצטער „אויגערקע סעזאָן" און דאָך האָט זיך דער מסחר איצט פערשטאַרקט. דאָס בעווייזט, אַז מען קאָן רעכענען אויף בעסערע צייטען אין דער בוימוואָל־בראַנזשע.

אַ חוץ אויף זומער־אַרטיקלען האָט זיך אויך שוין אָנגעהויבען דער ווינטער־סעזאָן. מען קויפט שוין אין לייכטע ווינטער סחורות פון וועלכע עס ווערען געמאַכט גאָר־גרויסע טראַנזאַקציעס. די גרויסע נאָכפראַגע אויף זומער־סחורות ערקלערט זיך מיט די היצען, וואָס הערשען לעצטענס.

אין די קויף־בעדינגונגען איז נישט אַריינגעטרעטען קיין שום שנוי, טיילווייז ווערט געדעקט אין מזומן און טיילווייז מיט וועקסלען. די דעקונג אין מזומן בעטרעפט 30 – 40 פּראָצענט, וועקסלען ווערען גענומען ביז 50 טעג.

אַ דאַנק די גינסטיגע לאַגע פון זלאָטי, ווייזען זיך גוטע אויסזיכטען אויף דער צוקונפט. הן די סוחרים און הן די פאַבריקאַנטען וועלען קאָנען קויפען און פערקויפען אָהן ריזיקע.

עס איז אויך צו פערצייכענען אַ גוטע ערשיינונג, ביים צאָהלען וועקסלען, די צאָהל פּראָטעסטירטע וועקסלען איז אונבעדייטענד. דאָס ווירקט זעהר גוט אויפ'ן פערקויף, וואָרום מען קאָן זיך ענדער ערלויבען צו געבען וועקסעל־קרעדיטען, וואָס איז אין דער בוימוואָל־בראַנזשע שטאַרק נויטווענדיג.

אַנדערש איז די לאַגע אין די וואָל־בראַנזשע. דאָ פיהלט מען גאָר־נישט קיין בעסערונג. מען קוויקט זיך לעת־עתה מיט האָפנונגען, אַז גאָר בקרוב וועט זיך אויך אין דער דאָזיגער בראַנזשע אָנהויבען אַ שטאַרקע אויפלעבונג.

שוין איצט קומען אָן גרויסע נאָכפראַגען אויף וואָלענע ווינטער־סחורות, הגם מען קויפט נאָך נישט. ערשט אין סוף פון היינטיגען חודש, אָדער אָנהויב פון קומענדיגען חודש, וועט זיך אָנהויבען די קויף־בעוועגונג.

די וואָל־פאַבריקאַנטען גרייטען זיך טאַקי צום סעזאָן און גאָר אין גיכען וועלען די פאַבריקען געלאָזען ווערען אין פולען גאַנג. שוין איצט אַרבייטען די וואָל־פאַבריקען אינטענסיוו. מען גרייט זיך ענערגיש צום ווינטער־סעזאָן לעת עתה ווערען געמאַכט, אין דער וואָל־בראַנזשע טראַנזאַקציעס נאָר אויף וועקסלען. גאַנץ זעלטען ווערט געגעבען דעקונג טיילווייז אין מזומן. די וועקסלען ווערען אויסגעשטעלט ביז 3 חדשים. אויך אין דער דאָזיגער בראַנזשע ווערען איצט נישט פּראָטעסטירט קיין וועקסלען.

דאָס אַלץ גיט מעגליכקייטען צו גלויבען, אַז עס האַלט ביי אַ אַלגעמיינע בעסערונג אין דער לאָדזשער אינדוסטריע.

ק. ל.

שטרייק אין דאַבּראַניצקיס פאַבריק

צוליב די פאַמיליע פון מערדער יאַבלאָנסקי.

(א) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט האָט די אַדמיניסטראַציע פון דאַבּראַניצקי'ס פאַבריק געקינדיגט דעם ברודער פון מערדער יאַבלאָנסקי. אויך די מוטער, הגם זי איז איצט אויף אורלויב איז געקינדיגט געוואָרען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט זיך די מוטער און דער ברודער געווענדעט צום פעראיין „פּראַצאַ" וועלכער האָט אינטערוועניִרט אין דער פראַגע נאָר די פאַבריק פערוואַלטונג האָט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צוזונעהמען צו דער אַרבייט די מיטגלידער פון יאַבלאָנסקי'ס פאַמיליע.

די אַרבייטער פון דער פאַבריק געפינען אָבער איין, אַז די פאַמיליע קאָן נישט זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר'ן מערדערס מעשים און האָבען צוליב דעם געוואָרפען די אַרבייט. אויך די אַרבייטער פון ווינער'ס שכנ'ישע פאַבריק האָבען זיך סאָלידאַריזירט צום שטרייק. דער קאָנפליקט פערשאַרפט זיך צוליב דעם, וואָס די פאַבריק־פערוואַלטונג וויל נישט צוריק ציהען די קינדיגונג.

ווידער אַ גרויסע ירושה פון אַמעריקאַ.

מ'זוכט די גליקליכע קרובים אין לאָדז.

(–) מיט אַ צייט צוריק איז אין אַמעריקאַ געשטאָרבען אַ געוויסער אברהם גוטפריד (גוטפריינד). זיינע יורשים געפינען זיך אין פוילען. צווישען די יורשים געפינט זיך אַ געוויסע דאָבע קאַצנעלסאָן פון לאָדז. ווי די געזעלשאַפט, וועלכע זוכט די יורש'ים איז אינפאָרמירט האָט זי געוואוינט אויף טורעיאַזד (?) 40. ס'ועהט זיך אויס, אַז דער אַדרעס איז פערדרעהט און דאָס האָט געזאָלט זיין פּשעיאַזד 40. דער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט איבערגענומען דעם ענין, האָט די מיטטיילונג געשיקט קיין לאָדז אויף טאַרגאָווע 40 אין טאָוואַראָווע 40, נאָר האָט בעקומען די בריף צוריק מיט דער אויפשריפט, אַז די געזוכטע דאָבע קאַצנעלסאָן וואוינט דאָרט נישט.

צוליב דעם, וואָס דער סכום פון דער ירושה איז אַ זעהר בעדייטענדער, בעט דער אַדוואָקאַט, אַז די יודישע קהלה אין לאָדז זאָל אויסזוכען די דערמאָנטע דאָבע קאַצנעלזאָן פערזאָנען, וואָס ווייסען עפּיס וועגען איהר ווערען געבעטען זיך צו מעלדען אין קאַנצעלאַריע פון דער גמינע צום סעקרעטאַר ה' נאַדעל

אויסלענדישע קרעדיטען פאַר לאָדזשער בענק.

(ס) אַ רייהע לאָדזשער באַנקען אונטערהאַנדלען איצט פאָרשטעהער פון אויסלענדישע פינאַנסיסטען וועגען בעקומען גרעסערע קרעדיטען.

די אויסזיכטען אויף צו בעקומען קרעדיטען זענען איצט בעדייטענד גרעסערע, מחמת די פינאַנציעלע לאַגע אין לאַנד האָט זיך בעדייטענד פערבעסערט און ס'איז שוין נישטאָ קיין מורא פאַר קיין וואַלוטע־קריזיס.

ווי מיר דערוויסען זיך, זאָלען די לאָדזשער באַנקען אונטערהאַנדלען מיט פאָרשטעהער פון דייטשע און עסטרייכישע קאָנצערנען, ביי וועמען די קרעדיטען קאַלקולירען זיך אויף גינסטיגערע בעדינגונגען, ווי פון די ענגלישע און אַמעריקאַנישע פינאַנסיסטען.

לאָדזשער סוחר'טום ליידט פון צאָל־אַמט.

(וו) די לאָדזשער סוחרים־קרייזען בעקלאָגען זיך לעצטענס זעהר שטאַרק דערויף, וואָס דער צאָל־אַמט אַרבייט זעהר לאַנגזאַם, פון וואָס די סוחרים ליידען גרויסע היזקות.

אַזוי דויערט דאָס ערלעדיגען אַ טראַנספּאָרט סחורה צו 5 און 10 טאָג און איבער דער צייט קאָן דער סוחר זיך נישט קאַלקולירען די סחורה און קאָן נישט פערקויפען.

דאָס ווירקט אויך דערויף, אַז אויב דער סוחר בעקומט די סחורה אויף אַ קורץ־טערמיניגען קרעדיט, לויפט פריהער אָפּ דער טערמין פון קרעדיט, ביז מ'זעהט די סחורה פאַר די אויגען.

וועגען דעם ווענדעט זיך דאָס לאָדזשער סוחר'טום מיט אַן אָנטשפּרעכענדען מעמאָריאַל צום האַנדעלס און פינאַנץ־מיניסטעריום.

לאָדז בעקומט נישט מעהר קיין קרעדיטען אויף עפענטליכע אַרבייטען

מיניסטעריום פערלאַנגט רעדוקציעס און צו אַרבייטען אויף אַקאָרד.

דאָס מיניסטעריום פאַר עפענטליכע אַרבייט האָט זיך געווענדעט צום לאָדזער מאַגיסטראַט מיט אַ פאָדערונג, אַז די לוינען פון די אַרבייטער ביי די עפענטליכע אַרבייטען זאָלען רעדוצירט ווערען אויף 80 גראָשען און אַז די אַרבייטער זאָלען אַרבייטען אויף אַקאָרד, אַזוי, אַז די אַרבייט זאָל זיין אַ מעהר פּראָדוקטיווע.

דערווייל האָט דאָס מיניסטעריום אָפּגעשטעלט די קרעדיטען אויף די עפענטליכע אַרבייטען אין לאָדז.

ווי מיר דערוויסען זיך, האָט די אָפּטיילונג פאַר עפענטליכע אַרבייט ביים מאַגיסטראַט בדעה צו רעדוצירען 300 אַרבייטער.

די אַרבייטער־פעראייגען האָבען בעשלאָסען אַרויסצושיקען אַ דעלעגאַציע צו די רעגירונג און צו פאָדערען, אַז די פעראָרדנונגען זאָלען צוריקגעצויגען ווערען און די קרעדיטען זאָלען ווייטער אויסגעצאָהלט ווערען.

שמיצע

פאַר אינטעלעקטועלע אַרבייטסלאָזע.

(ב) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט האָט דער אַרבייטסלאָזען־פאָנד פון לאָדזער קרייז אויף דער לעצטער זיצונג בעשלאָסען אויסצאָהלען אונטערשטיצונג די אַלע אינטעלעקטועלע אַרבייטסלאָזע, וועלכע האָבען לעגיטימאַציעס מיט נומערן פון 1225 אָן.

דער וואָיעוואָדע האָט אָבער דעם בעשלוס אַנולירט אין פעראָרדענט, אַז פון די איצטיגע אויסצאָהלונגען זאָלען נישט געניסען די, וועלכע האָבען בעקומען אונטערשטיצונג אין יוני, הגם זיי האָבען די דערמאָנטע נומערן.

בסך הכל איז פאַראַן אויף אויסצאָהלונגען 60 טויזענד זלאָטעס. פון די 75 טויזענד, וועלכע זענען אַסיגנירט געוואָרען, בעקומט די לאָדזער פּראָווינץ 15 טויזענד. און די, וועלכע האָבען דאָס פאָריגע מאָל נישט בעקומען – 10 טויזענד.

נעכטען איז שוין אַ טייל אויסגעצאָהלט געוואָרען. היינט קומט ווייטער פאָר דאָס אויסצאָהלען.

קהלה.

דאָזאָר קאַרא ווערט צייטווייליגע פאָרזיצער פון קהלה־פערוואַלטונג.

נעכטען האָט דער פאָרזיצער פון דער יודישער קהלה דעפּ. ד"ר ראָזענבלאַט מיטגעטיילט דעם רעגירונגס־קאָמיסאַר, אַז אויף דער צייט פון זיין נישט אַנוועזענהייט אין לאָדז אין צוליב'ן אָוועקפאָהרען פונ'ם וויצע־פאָרזיצער ה' בערגער האָט ער איבערגעגעבען די פונקציעס פון פאָרזיצענדער דעם דאָזאָר אי קאַראַ.

וועגען זעלבען האָט דעפּ. ד"ר ראָזענבלאַט אויך מיטגעטיילט דעם דאָזאָר ה' קאַרא בעטענדיג איהם איבערצונעהמען דעם אַמט.

סאַנאַטאָריום

איז דער קראַנקען־קאַסע.

(–) די דאָקטוירים־קאָמיסיע ביי דער קראַנקען־קאַסע האָט פעסטגעשטעלט אַז די סביבה אַרום כושין איז גינסטיג אויף צו בויען אַ סאַנאַטאָריום. דאָרט איז טריקען, זאַמדיג און דער וואַלד פערמאָגט גוטע הייל־אייגענשאַפטען.

וויטקאָווסקי'ן

נעכטען קובר געווען.

(–) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, איז דער פערוואונדערטער קאָנפידענט וויטקאָווסקי אין שפּיטאָל געשטאָרבען. זיין קערפּער איז איבערגעפיהרט געוואָרען אין פּראָזעקטאָריום, וואו ס'איז געמאַכט געוואָרען אַ סעקציע. נעכטען האָט מען איהם מקבר־געווען אויפ'ן יודישען בית החיים:

אַ באַנדע

געלד־פעלשער.

(י) אין ווידאַווע, הינטער לאָדז, האָט מען אַרעסטירט דאָס פּאָר־פאָלק קאַליניאַק, וועלכע ווערען בעשולדיגט, אַז זיי האָבען זיך פערנומען מיט פערשפּרייטען פאַלשע 5־זלאָטי־באַנקנאָטען צווישען דער אָרטיגער בעפעלקערונג.

די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין די קליינע שטעדטלעך אַרבייט אַ ברייט־פערצווייגטע באַנדע פון געלד־פעלשער, אויף וועמענס שפּורען די פּאָליציי איז שוין געפאַלען.

קאַמף געגען אַלקאָהאָל.

דאָנערשטאָג איז אין געזונדהייטס־אָפּטיילונג פון מאַגיסטראַט פאָרגעקומען אַ זיצונג בעווידמעט דעם קאַמף געגען אַלקאָהאָל.

אין דער זיצונג האָבען אָנטייל גענומען פּרעז. ציניאַרסקי, לאַווניק יאַעל, לאַווניק אַדאַמסקי, די דאָקטוירים סקאַלסקי, מיטעלשטאַדט, גוטענטאָג און גאַרלינסקי און דער לייטער פון סטאַטיסטישען אַמט ביים מאַגיסטראַט ה' ראָסעס.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו דעלעגירען דעם לייטער פון סטאַטיסטישען אַמט ביים מאַגיסטראַט ה' ראָסעס אַלס דעלעגאַט אויפ'ן אַנטי־אַלקאָהאָל־צוזאַמענפאָהר, וועלכער קומט פאָר אין דאָרפּאַט.

ס'איז אויך בעשלאָסען געוואָרען צו פערגרעסערען דעם בעשטאַנד פון דער קאָמיסיע צום קאַמף מיט'ן אַלקאָהאָליזם. ס'זענען צו־קאָאָפּטירט געוואָרען דער לאָדזער פּאָליציי־קאָמענדאַנט ה' איזידאָרטשיק, ד"ר מיקלאַשעווסקי און דער לייטער פון דער קר.־קאַסע ד"ר סאַמבאָרסקי.

חוץ דעם ווערט געשאַפען אַ ספּעציעלע בעראַטונגס־אָפּטיילונג, אין וועלכע ס'וועלען איינגעלאַדען ווערען ספּעציאַליסטען־פאַכמענער.

אַרעסטירט אַ פּאַבּאַראָוויעץ.

(פּ) נעכטען איז דורכ'ן רעגירונגס־קאָמיסאַריאַט אַרעסטירט געוואָרען יוסף קאַרנמאַן (זאַקאָנטנאַ 19) אַ מיליטער־פליכטיגער פון 1904, וואָס האָט זיך נאָך ביז איצט נישט צוגעשטעלט צו דער פּאָבאָר־קאָמיסיע. דער אַרעסטירטער איז איבערגעשיקט געוואָרען צו דער דיספּאָזיציע פון אויספאָרשונגס־ריכטער.

אפשר וועלען די רויטע און גרינע לאַמטערלעך העלפען.

(ס) די לעצטע באַהן־קאַטאַסטראָפע אין ראַגאָוו, האָט ענדליך בעוואויגען די באַהן־מאַכט אָנצוהויבען מאַכען אויסבעסערונגען אין די פעהלערן, וועלכע זענען פאַראַן אין דער דאָזיגער באַהן־ליניע.

אַזוי זענען שוין אויף די געפעהרליכע ערטער אָוועקגעשטעלט געוואָרען גרויסע רויטע און גרינע לאַמפּען, וועלכע וועלען לייכטען ביינאַכט.

אויסער דעם איילט די באַהן־מאַכט צו די אַרבייט ביים בויען די באַהן־בריק צווישען פּליטשוויע און ראַגאָוו. די באַהן וועט דאַן דורכפאָהרען די דאָזיגע בריק.

אויך ווערט געאַרבייט אַרום דעם, אַז ס'זאָלען אָוועקגעלעגט ווערען דאָפּעלטע שינעס אויף דער דאָזיגער ליניע.

„טאָז".

דער 2־טער סעזאָן אויף די זומער־קאָלאָניעס אין קושיזשובקאַ איז פערלענגערט געוואָרען ביז דעם 20־טען יוני, אַלזאָ וועט דויערן 5 וואָכען.

דעם 27־טען יוני וועט אַרויסגעשיקט ווערען די 3־טע גרופּע פון 200 קינדער אויף די קאָלאָניעס אין קושיזשובקאַ, און די 2־טע גרופּע פון 350 קינדער אויף די האַלב־קאָלאָניעס אין „לאַנגעוועק".

שימעל און פערמענטאַציע.

דאָס זענען די שונאים פון אונזערע קאָנסערוען, וויפיל קרענקונגען און שאָדענס האָט שוין פעראורזאַכט דאָס צושאַנדען ווערען פון פרוכטען, מאַרמעלאַדען, גאַלאַרעטקעס, זאַפטען אוינערקעס א. אַז. וו.

אַן אויסגעצייכענטע שוץ פערזיכערט דאָס בענוצען ד"ר עטקערס קאָנסערווירענד־מיטעל, וואָס איז פון לאַנג שוין גוט בעקאַנט. יעדער פּראַקטישער־ווירטין אַלס אַ גוטע און אונבעדינגט זיכערע זאַך!

דאָס אויסגעבען אַ פּאָר גראָשען אויף אַזאַ טאָרעבקע לוינט זיך דאָ הונדערט פאַכיג.

געפונען דאס פערשוואונדענע לאדזער יודישע קינד איז גלאָוונע.

א קינדערלאזע קריסטין האָט געהאט צוגע'גנב'עט דאס קינד.

סענסאַציאָנעלע פּרטים ווי אזוי דאס קינד איז גע'גנב'עט געוואָרען און ווי אזוי מ'האָט דאָס קינד געפונען!

(–) ווי מיר האָבען שוין נעכטען מיטגעטיילט, איז ביי דער לאָדזער יודישער פאַמיליע שאַלאַדאַיעווסקי, וועלכע וואוינט אויף דאַטשע אין גלאָוונא, אויף אַ געהיימניספולען אופן צוגע'גנב'עט-געוואָרען אַ קינד. איצט גיט מען איבער פאָלגענדע פּרטים:

דאָס קינד איז אַלט ס"ה 5 חדשים. אין דעם קריטישען טאָג, היינטיגען דינסטאָג אַרום 8 אין דערפריה האָט פרוי שאַלאַדאַיעווסקי אַריינגעלעגט דאָס קינד אינ'ם וועגעלע און אַרויסגעשטעלט פאַר דער טיר.

אין עטליכע מינוט אַרום האָט פרוי ש. בעמערקט, ווי דאָס קינד איז נישטאָ. דאָס גאַנצע דאָרף איז געשטעלט געוואָרען אויף די פוס. וויפיל פּאָליציאַנטען ס'זענען פאַרהאַן אין גלאָוונע האָבען אַלע געזוכט דאָס פערשוואונדענע קינד. אָבער אַלץ אָהן רעזולטאַט.

אַרום 12 בייטאָג איז אַ גרופּע יודען אַוועק צום אָרטיגען גלח און איהם דערצעהלט די געשיכטע.

דער גלח האָט צו זיך גערופען עטליכע פון די אָנגעזעהענע פּויערים און זיי בעפוילען, אַז אויב זיי ווייסען עפּעס וועגען דעם קינד, זאָלען זיי תיכף איהם צוּוויסען טון.

דאָס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפען, ווייל די פּויערים האָבען נישט געוואוסט פון גאָרנישט.

אַזוי איז אַדורך דער גאַנצער דינסטאָג'דיגער טאָג און מ'האָט נישט געוואוסט וואו דאָס געביין פון דעם קינד איז אַהינגעקומען.

די מוטער פון דעם קינד איז אַ גאַנצע נאַכט אַרומגעלאָפען ווי צומישט. דאָס גאַנצע דאָרף מיט יודישע איינוואוינער איז נישט געשלאָפען. דאָס אַלגעמיינע געשפּרעך איז געווען – וועגען דעם פערשוואונדענעם קינד.

מיטוואָך אינדערפריה האָט דער גלח ווידער אויסגערופען אין קאָשטשאָל וועגען דעם פערשוואונדענעם קינד. אָבער – אין קול ואין עונה.

מיט פאַר-נאַכט איז מען געפאַלען אויף די שפּורען פון דעם פערשוואונדענעם קינד.

אין דאָרף איז פאַרהאַן אַ יודישע פרוי, מיט'ן נאָמען רבקה, וועלכע האַנדעלט מיט מילך. די דאָזיגע פרוי איז צופעליג פערבייגעגאַנגען דעם הויז פון אַ פּויערטע, וועלכע וואוינט אַנ'ערך 3 קילאָמעטער פון גלאָוונע. און ווייל די פרוי רבקה ווייסט, אַז די פּויערטע האָט נישט קיין קינדער, האָט איהר שטאַרק פערוואונדערט דער פאַקט, וואָס דאָרט הערט זיך אַ שרעקליך געוויין פון אַ קינד.

ווען די פרוי רבקה האָט געוואָלט אַריין צו די פּויערטע, האָט זי זי נישט אַריינגעלאָזט.

דער פרוי רבקה איז די זאַך אויסגעקומען פערדעכטיג און זי האָט מיטגעטיילט וועגען דעם דער פּאָליציי.

עטליכע פּאָליציאַנטען זענען גלייך אַוועק צו דער פרוי שאַלאַדאַיעווסקאַ און זי מיטגענומען צו די פּויערטע, כּדי פעסטצושטעלען, צי דאָס קינד געהער נישט צו איהר.

ווען פּאָליציי איז אָנגעקומען, איז שוין ביי דער פּויערטע געווען פערהאַקט די טירען און פענסטער.

די פּאָליציי האָט אָבער אויפגעריסען די טיר און צוזאַמען מיט דער פרוי שאַלאַדאַיעווסקאַ אַריין אינעווייניג.

פאַר די אויגען פון פרוי ש. האָט זיך פאָרגעשטעלט אַ שרעקליך בילד: דאָס קינד איז געווען פערדעקט מיט 2 קישענס, כּדי מ'זאָל נישט הערען דאָס געוויין. דאָס קעפּעל פינ'ם קינד איז געווען אָפּגעפאַרבט מיט עפּעס אַ געלער פליסיגקייט, כּדי מ'זאָל עס נישט דערקענען אין די האָר, ווייל דאָס קינד האָט שוואַרצע הערלעך.

צום ערשט האָט זיך די פּויערטע נישט געוואָלט מודה-זיין, אַז זי האָט גע'גנב'עט דאָס קינד. זי האָט גע'טענה'ט, אַז דאָס קינד איז איהר אייגען און זי האָט עס געבוירען מיט 6 חדשים צוריק.

די פרוי ש. האָט אָבער אָנגעוויזען אויף אַלע סמנים, אַז דאָס קינד איז איהרס און זי האָט עס צוריקבעקומען.

ווען די פרוי שאַלאַדאַיעווסקאַ איז אַהיימגעקומען מיט איהר קינד, איז זי פאַר פרייד געפאַלען אין חלשות און די שכנים האָבען זי קוים אָפּגעמונטערט.

די פּויערטע איז אַרעסטירט-געוואָרען און נעכטען האָט מען זי געבראַכט קיין לאָדז און איבערגעגעבען אין רשות פון אויספאָרשונגס-אַמט.

די קלאַנגען, וועלכע מ'האָט פערשפּרייט, אַז דאָס קינד איז גע'גנב'עט-געוואָרען דורך ציגיינער, זענען אויסגעזויגענע פון די פינגער.

טעלעפאָן-טאַריף

ווערט נישט געהעכערט היי־יאָהר.

(צ) די פּוילישע טעלעפאָנישע אַקציען-געזעלשאַפט האָט זיך פּערמאָסטען צו העכערען דעם טאַריף מיט 50 פּראָצ., דאָס האַנדעלס-מיניסטעריום האָט אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס האָט די אויפגאַבע נאָכצוקאָנטראָלירען דעם מאַטעריאַל מיט דער קאַלקולאַציע. ה.ם די מיניסטעריאַלע קאָמיסיע האָט נאָך נישט פערענדיגט איהרע אַרבייטען האַלטען די מאַסגעבענדע ספערען, אַז די הוספה געהט נישט אין דער ליניע פון דער איצטיגער רעגירונגס-פּאָליטיק, וואָס שטרעבט צו דער סטאַביליזאַציע פון דער ווירטשאַפט אין לאַנד.

שקל-קאָמיטעט אין לאָדז

(קאָמוניקאַט).

צוליב פערשידענע כבוד איז די שקל-אַקציע אין אונזער שטאָט אָפּגעהאַלטען געוואָרען. ביז איצט איז די שקל-אַקציע געפיהרט געוואָרען נאָר אינערהאַלב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. דער חודש אב איז בעשטימט געוואָרען אַלס דער חודש פאַר די שקל-אַקציע פון תּרפ"ו. דער יעצטיגער שקל איז לויט דעם אָנגענומענעם בעשלוס פון לעצטען ציוניסטישען קאָנגרעס אַ איינהייטליכע פאַר אַלע ציוניסטישע פעדעראַציעס. דער יעצטיגער שקל האָט צוליב די וויכטיגע פּראָבלעמען וואָס וועלען בעהאַנדעלט ווערען אויפ'ן קומענדיגען קאָנגרעס אַ זעהר וויכטיגע בעדייטונג. יעדער וואָס קויפט אויס דעם שקל האָט וואַהלרעכט צום קאָנגרעס. פון היינט אָן וועלען די ציוניסטען אין אונזער שטאָט בעזוכט ווערען דורך דעלעגירטע פון שקל-קאָמיטעט. דעם שקל קאָן מען אויך בעקומען אין סעקרעטאַריאַט, צעגעלניאַנאַ 4 טעגליך פון 10 2 און 4–7.

יוליוס אדלער טרעט מאָנטאָג אויף אין „הינקעמאַ".

מאָרגען, שבת, וועלען מיר זעהען די פּרעמיערע פון ערנסט טאָלער'ס בעריהמטע דראַמע „הינקעמאַן" מיט'ן בעריהמטען אַרטיסט אין לאָדזער ליבלינג יוליוס אַדלער.

די גרויסע צאָהל פערעהרער פון אַדלער'ן אין לאָדז וועלען זיכער נישט פערפעהלען אין דעם דאָזיגען טאָג, ווען יוליוס אַדלער וועט נאָך אַנ'הפסקה פון עטליכע יאָהר זיך בעווייזען פאַר אונז אין זיינס אַ ביי-ער קינסטלערישער קרעאַציע.

ס'איז זיכער, אַז די פאָרשטעלונגען פון יוליוס אַדלער מיט זיין טרופּע אין לאָדז, וועלען פערוואַנדעלט-ווערען אין יום-טוב-טעג פאַר'ן לאָדזער יודישען טעאַטער-פּובליקום.

וועגען בירגערשאַפט פאַר פרעמדע.

צירקולאַר פון אינער-מיניסטער צום וואָיעוואָדע.

(צ) דער וואָיעוואָדען-אַמט האָט דערהאַלטען אַ צירקולאַר פון אינערן-מיניסטעריום אין וועלכען ס'ווערט געפאָדערט צו פערשנעלערען די ענינים פון בירגער,שאַפט פאַר „פרעמדע".

ס'שטעלט זיך אַרויס, אַז אַ גאַנצע רייהע בקשות, וואָס זענען אָנגעגעבען געוואָרען מיט 2 יאָהר צוריק זענען נאָך ביז איצט נישט ערלעדיגט געוואָרען. דעריבער האָט דאָס מיניסטעריום איבערגעשיקט צום וואָיעוואָדען-אַמט אַלע ביטעס וועגען ערטיילען בירגערשאַפט מיט אַ פאַראָרדנונג, אַז זיי זאָלען ערלעדיגט ווערען ביז'ן 31. דעצעמבער ה. י.

דער דאָזיגער צירקולאַר רעגולירט די פראַגע וועגען ערווערבען די בירגערשאַפט פאַר יענע פּערזאָנען, וואָס שטאַמען פון די ערטער, וואו די ביכער זענען פערברענט געוואָ־ען, פערניכטעט געוואָרען, אָדער אַרויסגעפיהרט געוואָרען קיין רוסלאַנד. אין די דאָזיגע ערטער וועלען געשאַפען ווערען קאָמיסיעס וואָס וועלען קוואַליפיצירען דאָס רעכט צו בעקומען בירגערשאַפט.

ערמאָרדעט דעם מאַן און בעגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אין דעם זעלבען טייך, וואו זי האָט אַריינגעוואָרפען דעם טויטען קערפער פון מאַן, האָט זי אַליין געפונען דעם טויט.

(י) מיט עטליכע טעג צוריק האָט אַ געוויסע פראַנציסקאַוואַ מילקאָש אין דאָרף באַלען הינטער פאַביאַניץ ערמאָרדעט איהר מאַן פראַנצישעק מילקאָש.

דעם מאָרד האָט זי אויסגעפיהרט דערפאַר, וואָס זי האָט געוואוסט, אַז איהר מאַן לעבט מיט אַ „קאָכאַנקע".

דעם טויטען קערפער האָט זי אַריינגעוואָרפען אין טייך, פון וואַנען מ'האָט איהם אַרויסגעצויגען ערשט אין 3 טעג אַרום.

ווען מ'האָט דעם טויטען קערפער אַרויסגענומען פון טייך, האָט די פרוי מערדערין כלומר'שט געוויינט אויפ'ן גרויסען „אומגליק", כּדי דער חשד זאָל נישט פאַלען אויף איהר.

אָבער אינ'ם טאָג, ווען מ'האָט איהר מאַן מקבר געווען, האָט זי זיך אַליין אַריינגעוואָרפען אין דעם זעלבען טייך און דאָרט געפונען דעם טויט.

די זעלבסטמערדערין מערדערין האָט איבערגעלאָזט 2 בריף: צו דער פּאָליציי און צו איהר שוויגער. אין די בריף האָט זי אויפגעקלערט דעם גאַנצען אמת און געשריבען, אַז דאָס געוויסען האָט זי געפּלאָגט און זי האָט שוין נישט צו וואָס צו לעבען.

א יודיש-הָטעל פער'סמ'ט די לופט...

פון דעם „גראַנד-האָטעל", משמיינסגעזאָגט וואו 80–90 פּראָצענט יודען-בעזוכער טראָגען אַריין זייער ולאַטשעלעך.

דער בעקאַנטער געזעלשאַפטליכער טוער ה' י. גוטערמאַן גיט אונז איבער וועגען פאָלגענדען פאַל:

מיטוואָך אין אָוונד האָט ער מיט זיינעם אַ גאַסט, פאָרזיצענדער פון דער סקערניעוויצער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ראַטמאַן פון סקערניעוויץ ה' פישעל באָרנשטיין געוואָלט פערברענגען אַ פאַר שעה אויף דער „פרייער לופט" פונ'ם דריי-בוימערדיגען פאַראַדיז ביים „גראַנד-האָטעל".

נישט-וועלענדיג זיך אָבער אַנשטויסען אויף אונאָנגענעמליכקייטען צוליב דעם וואָס זיין גאַסט איז לאַנג-געקליידעט (אַ הונד און א געוויסער טיפּ בן אדם פערטראָגט נישט קיין יודישען מלבוש) האָט דער ה' גוטערמאַן זיך געווענדעט צום קאַסירער פון גערטענדל מיט דער „קאָנסטיטוציאָנעלער" פראַגע, צי עס איז דערלויבט דער אַריינטריט פאַר לאַנג-געקליידעטע. דער קאַסירער האָט דעם ה' גוטערמאַנען אָפּגעשיקט צום קאָנטראָלער, און יענער האָט דעראויף געענטפערט פּאָזיטיוו און געהייסען אויסקויפען אַ בילעט.

ווי ערשטוינט אָבער איז געוואָרען דער ה' גוטערמאַן ווען אויסקויפענדיג די צוויי בילעטען און אַריינגעהענדיג אין גערטענדעל, איז ער אָפּגעשטעלט געוואָרען דורך דעם זעלבען קאָנטראָלער, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער וועט דעם לאַנג-געקליידעטען יודען נישט אַריינלאָזען, מחמת ער טראָגט אַ לאַנגען מלבוש. ווען דער איבערראַשטער ה' גוטערמאַן האָט אָנגעהויבען פּראָטעסטירען האָט דער קאָנטראָלער „פריינדליך" פאָרגעשלאָגען אומצוקערען דאָס געלד פאַר'ן בילעט.

מצד די אַנוועזענדע, וועלכע האָבען בעמערקט וואָס דאַ קומט פאָר, האָבען זיך אָנגעהויבען צו הערען פּראָטעסטען– אַזעלכע הכנעה'דיגע יודישע פּראָטעסטלעך...

ס'האָט זיך אָבער אויך געפונען, אַ געוויסער ק–ן, אַ מאַשקע פון די „גאָלדענע" טייערע מאַשקעס, וואָס האָט ערקלערט בקול רם ונשא, אַז ס'איז רעכט אַזוי: „יאָל דער זשידעק נישט טראָגען קיין לאַנגע מלבושים!"

הכלל, די ה"ה גוטערמאַן און באָרנשטיין האָבען זיך געמוזט אָפּזאָגען פון דעם גראַנד-לופטשיק, און אַוועקגעהן מילא, פערפאַלען! אונז איז אָבער אינטערעסאַנט צו וויסען צי איז עס טאַקי אַזאַ פאַראָרדנונג אַרויסגעגעבען געוואָרען מצד דער דירעקציע, אָדער דאָס האָט אַזוי געהאַנדעלט דער קאָנטראָלער אויף זיין אייגענער אחריות און האַניג?

ס'איז אויך טשיקאַווע צו וויסען, ווי אַזוי וואָלט ער געהאַנדעלט, ווען ס'וואָלט געקומען מיט אַנ'אויסגעקויפטען בילעט אַ כינעזער אין אַ קליידעל, אַ טערק אין אַ פעסקע. אַ נעגער, אָדער אַנ'אינדיאַנער?

און – אויך וואָלט כּדאַי געווען אַ קוק צו טון, וואָס עס טוט זיך, אַ שטייגער, אונטער די אייראָפּעאישע קאָפּעלושען ביי דער אַבסאָלוטער מעהרהייט פון די יודען גראַנד-אַגרודעק-בעזוכער, וועלכע זיצען ביי אַזעלכע סקאַנדליעזע סצענען, און עס אַרט זיי – פונקט ווי דער פאַראַיאָהרינער שניי!

פון א"י-אמט.

פאַר פאָלגענדע היגע איינוואוינער זענען דערהאַלטען געוואָרען המלצות אויף צו בעקומען סערטיפיקאַטען:

יוסף האַנדווערקער, שמעון ליבערמאַן און ישעיה האַרנאַס.

די אַלע פערזאָנען דאַרפען זיך מעלדען אין ביוראָ פון היגען א"י-אַמט פון 10 1 נ. מ.

אין „אואזעל".

דאָס ערשטע און צווייטע „אָזאַזעל"-פּראָגראַם האָבען זיך צוזאַמען איינגעשפּאַרט און לאָזען בשום-אופן נישט צו צום פּסוק דאָס דריטע פּראָגראַם.

פערפאַלען. דער לאָדזער עולם – ווי זאָגט גאָדיק – דער ליבער עולם - האָט זיך אויך איינגע'עקשנ'ט און וויל נישט אָפּלאָזען די ערשטע צוויי פּראָגראַמען. אַ בעווייז: די פאָרשטעלונגען קומען פאָר ביי איבערפולטע הייזער.

שבת און זונטאָג געהען ווייטער די רעוויו-פאָרשטעלונגען מיט די שלאַגער-נומערען פון ערשטען און צווייטען פּראָגראַם.

בריף אין רעדאַקציע.

ז. ג. ה' רעדאַקטאָר!

איך בעט אייך אָפּצודריקען אין אייער חשוב'ער צייטונג פאָלגענדען בריף: פון נ. 160 „היינט" פון 13 יולי ה. י. „אָרט". האָב איך זיך דערוואוסט, אַז איך בין בעשטימט געוואָרען מצד דער עקזעקוטיווע פון דער יודישער פאָלקס-פּאַרטיי אין אַ קאָמיסיע, וואָס דאַרף זיך אַרויסזאָגען וועגען דער גאַנצער ביזאיצטיגער טעטיגקייט פון דעפּ. נח פּרילוצקי.

איך האַלט דעריבער פאַר מיין חוב צו ערקלערען, אַז צו מיר האָט זיך קיינער וועגען דעם ענין נישט גע'מעלדעט און איך האָב אויך נישט בדעה אַזאַ מיסיע אויף זיך צו נעמען.

מיט דרך ארץ

אַדוו. יוסף חייצמאַן.

מעלדונג.

פון שקל-קאָמיטעט.

די פאָרשטעהער פון די אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבען גענומען שקלים ווערען געבעטען אין משך פון דער קומענדיגער וואָך צוריק צו ברענגען די איבערגעבליבענע שקלים ווי אויך די געלדער פאַר די פערקויפטע שקלים. דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג טעגליך פון 10–2 נ כמ. אין ציוניסטישען ביוראָ צעגעלניאַנאַ 4. 764

אויף די פּ בקורסען פון דער געזעלשאַפט „אָרט", מעכאַנישע שלאָסעריי, סוויטער-שטריקעריי און מעכאַנישע וועבעריי זענען פערהאַן פרייע ערטער. פערשרייבען קען מען זיך פלאַץ קאָשטשעלני 4, אין קאַנצעלאַריע פון „אָרט". 108

ברילאנטן־גאלד־זייגער־לאמבארד־הויטעם ביזשוטעריע

קינסטלערישע, זאגאר צערבראכענע

J. FIJAŁKO, Piotrkowska 7

קויפט און צאהלט די העכסטע פרייזען

באמערקונג: היינט בילינער געלעגנהייטליכער איינקויפן פון חפצים.

אכטונג! צוגענגליכע פרייזען! אכטונג!

„CZYSTOŚĆ“

דער 1 טער פאטענטירטער אין לאדז אנשטאלט

„CZYSTOŚĆ“ אונטער דער פירמע

נעהמט אן אלערארט ארבייטען, וואס האט א שייכות צו ארדנונג צום ביישפיל: דראשעהטע, ריינמאכען מיט טראטשינע, פראטערי־רען פאדלאגעס, ריינינגען און וואשען פענסטער, שפיגלען, אויסשטויבען, ווי אויך קאמפלעט אין ארדנונג ברענגען געזעלשאפטליכע און פאבריקס־זאלען. אלערליי בעשטעלונגען ווערען אנגענומען שריפטליך און פערזענליך אין אנשטאלט טראוגוטא 3 פון 8 פריה ביז 9 אווענד. דער אנשטאלט ווערט געפירט אונטער דער לייטונג פון לאנגיעהריגען האטעל־ביפאר־שייטער מיט אכטונג

734 B. Szczepaniak i S-ka Trauguta 3.

פאר אימפאס פארטיליגט אלערליי וואנצן

Dr. med. M. GLAZER

ul. ZIELONA Nr. 6

הויט־ און וענערישע קראנקהייטען.

נעמט אן פון 8–10, 12–2 און 7–8 אווענד. 589

Dr. med. A. SZMIRGELD

CEGIELNIANA 5.

גייסטיגע־און נערווען־קראנקהייטען

שפראכשטערונגען, היילונג פון שוואכזינניגקייט און שווער־ערציהבארע קינדער און כאראקטער־אנאמאליען נעמט אן פון 5–7.

628

Dr. Adam GROSGLIK

27 Aleje Kościuszki 27.

הויט און וענערישע קראנקהייטען.

רענטגען־ און ליכט־ היילאנשטאלט.

נעהמט אן פון 4 ביז 7 אין אווענד. 111

Dr. W. ŁAGUNOWSKI

הויט־, וענערישע־קראנקהייטען און מענער־שוואכע

42 גדאנסקא 42

נעהמט אן פון 8–11, 2–3 און פון 8–9 אווענד.

Dr med. Braun

ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און וענערישע קראנקהייטען און מענער שוואכע.

בעהאנדלונג מיט קווארץ־ליכט (האר אויספאל).

23 פאלודניאווא 23

– – טעלעפאן 26 40. – –

נעהמט אן פון 8–12 און פון 5–8 אווענד.

Dr. Z. Rakowski

ספעצ. פאר אויערען, נאז, האלז און לונגען־קראנקה

9 קאנסטאנטינאווסקא 9

טעלעפאן 81 27

ספעציעלער קורס פאר שטאמלער.

אפרעכשטונדען פון 12–2 און פון 5–7 175

נעהמט אויך אן אין לעטשניצע, זגערושער 17 פון 10 ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאכמ.

ווילסט

נעווינער קראפט און מוט, סטארקייט בעזיצען, בענוץ דאס אלע א וקענט מיטל

752

וויסקאק קארמעליצקי דאס בעסטע מיטעל געגען רעומאטיזם, פאדאגרע, צאהן־שמערצען, קאפ, האלדז־ווייטאג, פערקילונג אינפלוענציע, ווי אויך פיל אנדערע שלאפקייטען פון אינערליכע, אזוי אויך ע־ליכע.

וויסקאק קארמעליצקי איז דאס בעסטע הויז־מיטעל געגן נערווען־ און קאפ־קראנקהייטען.

וויסקאק קארמעליצקי איז דאס בעסטע הויז דעזינפעקציאנס מיטעל. נאר ערשט אלגעמיין

פון די ...

כעמישע פאבריק „AMOLA“

Właść: K. WIETRZYŃSKI

Wąbrzeźno, Pomorze.

צו פערלאנגען אין אלע אפטייקען און אפט־סקלאדען.

הויפט־דעפאט אויף לאדזער און ווארשאווער ראיאן:

Hurtowy skład apteczny „Specifik“

Łódź, Piotrkowska 79, tel. 8-94.

וואל צום שטריקען

קנאלען אין לאנגען, פאר הויז־און מאשין ארבייט אין אלע פארבען

י. פוקס, נאוואמיעסקא 7, טעל. 26-97

אכטונג!

ווער עס האט א חורה דור בענסעל – – אויף דעם נאמען פאלודניאווא 16 קען בעקומען אויסגעצאהלט ביי דור פוקס, זיערא 17.

743

ווירטשאפטס־ פאר מאלער

ראס אלס בעקאנטע

פארבען־געשעפט

פון ראזענטהאל איז ווידער געעפנט = געווארען!

אויף דעם זעלבען ארט, ווי פריהער. מען בעקומט שטענדיג אויף לאגער:

די בעסטע פארבען

מיט די בילינגסטע פרייזען! קומט און איבערצייגט אייך!

SKŁAD FARB

JAKÓB ROZENTHAL

Wschodnia 76, tel. 15-82, róg Narutowicza (Dzielna).

739

פריזיער־אנשטאלט

פעטריקאווער 17, (אין הויף).

מענער־סאלאן:	דאמען־סאלאן:
ראזירען מיט קאלאנסקי וואסער 30 גר.	שערען פון דאמען „ 80 גר.
שערען „ „ 70 גר.	אנדולאציע „ „ 1 זל.
שערען יונגלעך מיט מאשינקע 50 גר.	קאפ וואשען מיט עלעקטריש־
קאפ וואשען „ „ 50 גר	טרוקענען פון די האר 1.50 זל.

עלעקטרישער מאסאזש פון געזיכט 50 גר. מאניקור 70 גר. פארבען, קעמען טלעניצען די האר א. א. וו. פאר דאמען ספעציעלע קאבינען!

737

יודישע ארטיסטען,

אויפמערקזאם!

די יודישע טעאטער־געזעלשאפט „הבימה“ אין טשעכאסלאוואקיי (די איינציגע חבירים־טרופע, וואס עקזיסטירט זייט 1910), וויל פאר דעם קומענדיגען ווינטער־סעזאן אויפנעהמען עטליכע בעסערע יודישע אקטריסען און אקטיארען אלס מיטגלידער פון דער דערמאנטער געזעלשאפט.

פאראינטערעסירטע פערזאנען: ערשטער און צווייטער ליבהאבער, א בוף (פאט) קאמיקער, פרימאדאנע סוברעט, צוויי כאראקטער און צוויי כאריסטען מיט געשולטע שטימען, דארפען תיכף זיך ווענדען בנוגע איינריי־זע־וויזעס, בעדינגונגען און אנדערע אינפארמאציעס צום פארשטעהער פון דער חבירים־טרופע אויף פאלגענדען אדרעס:

Z. FRANZOS, PRESSBURG (Bratislava)

Hotel „Jelen“ (Čechoslovakei) 732

בעקאנטמאכונג.

די בעוואוסטע ווארשאווער פירמע א. נ. J. KRZYPOW האט ערעפענט -:- אין -:-

לאדז, 16 בענעדיקטא 16

אמעבעל־לאגער

קויפט און פערקויפט אלערליי מעבעל, דיוואנעס, ניי מאשינען, ווי אויך גארדעראבען, אנטיקען און פעלצען, כ'קויף פיאנינאס, און כ'צאהל די העכסטע פרייזען קומט און איבערצייגט אייך

682

פאר רעקאנוואלעסצענטען און אנעמישע

עמפפעהלט די אפטייק פון

St. Hamburg i S-ka w Łodzi

ul. Główna Nr 50, tel. 18-61

העפיר

חירכליך היילבארען, אויסגעארבייט אויף קאווקאזער שטאמען.

בעשטעלען קען מען אין די אפטייקען.

א פראנט־

געוועלב

אויף דער אלטשטאדט קאמפלעט איינגעארדענט מעצאה"ט ביזן 31 גרוד־זשען ד. י. איז צו פער־קויפען פאר 1.600 זלאטעס

צו ערפאהרען פלאץ וואלנאשטשי נומער 2. „Naftopol“, tel. 42 05. פערמיטלער געווינשען. 718

---

2 צימערן

און קיך איז פון זאפארט צו פערמיטען. פלאץ וואלנאשטשי 5 צו ערפראגען ביים ווערטער. 706

קלעפסידרעס

ווערען אין פערלויף פון איין שעה אויסגעפערטיגט און אויס געקלעפט אין אלע גאסען דורך די דרוקעריי פון „נייעם פאלקסבלאט“ פעטריקאווער 21

סימפעטארין — כירורגישע

קליניק

פון די דאקטוירים שארלאטא־איינעראווא, רייסלער־קוריא סרא, מיכאל קאמאר, און י. פוקס.

לאדז, אנדראווא 10, טעל. 13 57.

I. און II. קלאס.

377 אמבולאטאריום.

לעטשניצע „זדראוויע“

פון דאקטוירים־ספעציאליסטען

אויף נאוואמיעסקא 3 (וושכאדניא 13), טעלעפאן 76 37.

אינערע קראנקהייטען	ד"ר שווייג	2½–4 זונט. 10–11
נערווען קראנקהייטען	ד"ר בראניסלאוו פרענקעל „ קראזענבערג	12½–1½ חוץ פרייטאג 11–12 דינסט. דאנר. און שבת
אויגען און קינדער קראנק.	ד"ר אלכסנדר מארגאליעס	12–1
אינערליכע קראנקהייטען	ד"ר גיביאנסקי „ קאץ „ לעווי „ קאז העניג	9 11 זונטאג 10–11 1½–11½ ז. 11–12 3–5 זונטאג 1–2 6–8 12–1
קינדער קראנקהייטען	ד"ר סאלאוויעטשיק אריק „ מאשלאנקא „ פרעכנער	10–11½ ז. 3–5 ז. 12–2 1½–2½ ז. 10½–12 5–6½ זונטאג 9–10½
כירורגישע קראנקהייטען	ד"ר גאלדמאן „ פערלים	3½–4½ זונטאג, דינסטאג, מיטוו. פרייטאג, שבת 9–10 1–2½ 6–½ ז. 11–1
פרויען קראנקהייטען	ד"ר אראנסאן „ אייגעראווא	12–1 זונטאג 12–1 דינסטאג, פרייטאג 1½–½ מאנ. מיטוו. דאנ. ש. 1.30–0.30
נאז, האלז און אויערען קראנקהייטען	ד"ר העלמאן „ ראבינאוויטש	3–4 זונטאג 1–2 12–2 „ 10–11
הויט און וענערישע קראנקהייטען	ד"ר פאלק „ זאנענבערג	3–4 מיטוו. ש. 7–8 זונט. 9–10 11–12 מאנ. פרייט. 7–8 זונט 11–12
רענטגענאלאג	ד"ר קייטסאן	
ערצליכע אנאליזען	ד"ר מ. קאצען	

ווייזיטען אין שטאדט. — פאקען־שטעלען. רענטגען אנראפיא וצטפליכע דורשצראהלונגען. — (קווארץ לאמפען). עלעקטראגאלוואן און אונטערזוכונגען. די לעטשניצע איז טעגליך פון 8.30 פריה ביז 7.30 אווענד. זונטאג פון 8.30 פריה ביז 2 א זייגער נאכט.

CASINO

היינט גרויסע פרעמיערע!

פראכטפולע טראַגישע דראַמע אונטער'ן נאָמען:

דער, וועלכער האָט זיך פאַרקויפט

אין די הויפט-ראָלען: דער געניאַלער HANS MIERENDORF די וואונדער-שעהנע VIVIAN GIBSON, BRUNO KASTNER

אויסערדעם: ארטיסטישע גאסטשפילען אויסערדעם:

1) NADA KARENI

די בערימטע לאַ"זער זינגערין, וועלכע האָט זיך ערוואָרבען נאָך אַ רייהע גרויסע ערפאָלגען אין גרעסטע רעוויעס פון בערלין, פראַנקפורט א. ז. וו. א רוהמפולען נאָמען איז געקומען קיין לאָדז אויף זעהר אַ קורצע צייט און וועט אויפיהרען די נייעסטע שלאגער-לידלעך.

2) Władysław LIN

דער ליבלינג פון לאָדזער פובליקום וועט אויס פיהרען זיינע אייגענע שאַפונגען:

א) אלטוועלער ביינאַם.

ב) קינאָ אָהן עהראן.

ג) ריימס איבער.

3. Charmell et Browning

פענאָמענאַלער פראנצויזישער דועט וועלען טאַנצען:

א) הישפאַנישע פאַנטאַזיע.

ב) קאָמישער אַפּאַש פון דער הייכסעל.

אָנהויב פון די סעאַנסען: 4.30 נאָכמ. סימפאָנישער אָרקעסטער. דער זאַל איז געקיהלט און ווענטילירט.

פון 4,30 ביז 6 נאכמ. אויפ'ן קינעמאטאגר. סעאנס זענען אלע פלעצער 1 זל.

LUNA

היינט נאָך נישט-געווען. פרעמ'ערע!

מייסטערווערק פון דער פראָדוקציע "Svenska" אין שטאָקהאָלם

מענשען אהן פאטערלאנד

רייהרענדע טראגעדיע פון רוסישען לעבען דאָר די צייטען פון צאר זנב, קרענסקיזמע און סאָוויעטען.— אין דער הויפט-ראָלע די וואונ-דערבאַרע JENNY HASSELQUIST

אויסערדעם: גרויסע סענסאציע! גאסטשפילען פון ארטיסטען פון ווארשאווער בינעס:

1) AMELJA CIELECKA דיקאַנטע אָפּערן-זינגערין וועט אויספיהרען פאָלגענדע לידער: א) דער בעז ואָס איבערגעבליבען; ב) קיש פון היינט איז אַ נייעם פּראָגראַם: (I loveyou) ג) די ווייסט וואָס בעדייט אַזאַ אויג. 2) ROWENA GASTON טענצער פריאַ, ארטיסטין פון רוסישען באַלעט וועלען טאַנצען: א) לעבעדיגע בודהא-אינדישע לעגענדע; 2) Les garconnes ענגלישער טאַנץ. 3) Mieczysław DOBROWOLSKI קאָנקור-עגצלאָזער פוילישער הומאָריסט וועט אויספיהרען: א) ס'לוועטקע פון די לאָדזער דאָנסינג-טענצען: ב) איך האָב כאַלטשע פרישטש געזעהען אין דער לאָדזשקע און אין סאַוואָי; ג) Gierasiński-Michałowski (פּאַראָדיאָלע און פאַנטאַזיע אימיטאַציעס).

סימפאָנישער אָרקעסטער אונטער דער ליימונג פון ה' ס. פיינגעלמאַן.

761

GRAND-KINO Piotrkowska 72.

היינט און מאָרגען אויף דעם עקראַן BEBE DANIELS אין פיל"ם אונטער'ן נאָמען: „ווען די ליבע ענדיגט זיך"

אויף דער עסטראַדע Bronisław Bronowski הומאָריסט סאטיריק Felicja Felińska פרימאַדאָנע פון זאַ-גרושעווער אַפּע"ע.

TEATR-ŚWIETLNY

„NOWOSCI"

Piotrkowska, róg Główne)

היינט! די סערגעסטער ע דורך אַלע קינאָ-בע זוכער, דער פּרעסעל ליבלינג

BARBARA LA MARR

אין איהר בעסטע קרעאַציע — — א נאָמען ס.

צווי שאסטן

אויס'ע ן פראגראם: די וואהלען פון פראנצויזישען פרעזידענט, ווי אזוי אַ קאָמעדיע אבריף צו אכלה

פרייזען פון די פלעצער פון 30 גראשען ביז 75 גראשען.

קינא „ERA" „פלארא" פריי: הער זאווישא 22 (באלוט)

פון היינט דער לאנג-ערווארטעטער פילם-שלאגער

סענסאציע איבער סענסאציעס!

דער ליבלינג פון אַלע פעלקער

LUCJANO ALBERTINI

אין זיין בעסטער קרעאַציע אונטער'ן נאָמען:

דער אייזערנער מענש

(The iron man)

איז 4 סעריעס, 2 סעריעס, 12 אַקטען צוזאַמען דעמאַנסטרירט.- אין דעם בילד געפינען זיך עפעקטען, סענסאַציעס, פאַסירונגען און דראַמעס פון הונדערט פילמען. אָנהויב פון די סעאַנסען: פון 30 5 נאָכמ. שבת און זונטאָג-פון 2 אַ זייגער נאָכמיטאָג. 796 גאַסטאַרטו'ס און שרייקאַרטען זענען נישט גילטיג.

בעמערקונג: צוליב'ן גרויסען געדראַנג פון פובליקום, ווערט געבעטען צו קומען אויף די פריהערע סעאַנסען.

שפּאָרט געלד!

פון אַלטע בינדעס און קראַוואַטען ווערען איבער געמאַכט אויף נייע שלייפלעך און קראַוואַטען ווי אויך פערשידענע בינדעס צו ווענדען און פון נייע שטאָפען צו ביליגע פרייזען.

ביי הערשקאָוויטש וואלבארסקא 31.

עס איז געפונען געווארען

אַ ביכעל פון דער קראַנקען-קאַסע אויפ'ן נאָמען הערש ראָסעט.

אָבצוגעהמען נעבן אַנאָנס-קאַסטען אין אַרמינ. פון דער צייטונג.

727

ס'ווערט געזוכט אַ קוואַליפיצ רטער אַרביי-טער צו פליסע-אַרבייט אין פערשידענע פאַרמען. מעלדען זיך בזשוש. ליפשיץ פאַנסקאַ 95

757

---

4 פראנטאווע

צימערן

מיט אַלע בעקוועמליכקייטען איז ביליג פון זאָפאָרט צו פערמיעטען. צו ערפאַהרען בענעדיקטא 28 פראַנט, 3. שטאָק, וו. 11

שייטלען

פון פרימאַ האָאר, פערש. קאַמיעננאַ 5, 2-טן הויף ביי בצלאל פארושצקי.

דער ערשטקלאסיגער

פענסיאנאט „זדראוויע"

אין לאנגובעק. כשר'ע קיך! צוזאַמען מיט דעם זגערושער טראַמוואַי הילע ראַפאַפאָרט № 23

ספּעציעלע איינגעאָרדענטע פּראָוויזיאָנען מיט מוזיק און זאַמטליכע געזעלשאַפּט. שפּילען פאַר אויספלוג געסט.- מיט ביליגע פרייזן פון 8 ביז 12 זל. טעגליך.

א דזשערגאַניע-מאַש'ין

אין גוטען צושטאַנד — צו פערקויפען ביי ראַזענאַוויטש, פעטריקאַוער 69 וו. 17.

השבת אבדה.

געכאַפּט 8½ פּאָה ענדיג מיט'ן טראַמוואַי נ. 10 האָב איך איבערגעלאָזט אַ פּע-קעלע. דער ערהליכער פינ-דער ווערט געבעטען געגען בעלויגונג אַבצוגעבען צו סאַכאַמשעווסקי, קאָנ-סטאַנטינער 9.

769

אַ יונגע שניידערין פון בעסערער פאַמיליע, וועלכע האָט באַרגעלד 500 דאָלאַר, זוכט בעקאַנטשאַפט מיט אַ גוטען מענער-שניידער צוועקס היירא (חתונה). פערמיטלער גע-וואונשען. אָפערטען אין אַדמ. אונטער „צוקונפט".

אַנאָנסען - פרייזן:

[illegible]

אַבאָנעמענטס-פרייז:

[illegible]

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brustowski i B. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman.
Czcionkami i drukiem „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.